בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

ברסלב

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוְן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה און
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים

269

תשפ"ב

היכל הקודש

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
## וויליאמסבורג
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
## בארא פארק
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
## קרית יואל
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
## קרית יואל
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
## בלומינגראוו
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
## מאנסי
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
## ירושלים
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
## בני ברק
**רחוב הבעל שם טוב 7**
**052.760.5715**

נדפס ע"י

**קרן הדפסה**
**היכל הקודש**

2623 State Route 52
Liberty, NY 12754

**718.387.2691**

www.BreslevCenter.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב

**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב

**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה


שִׁיקְן אַ קִינְד קַיין אוּמַאן, אֲפִילוּ עֶר וֶועט פַארְפֶעלְן פוּן חֵדֶר? ........................ א

וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ אָנְקוּמֶען קַיין אוּמַאן אוֹיף דָאס יָאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה? ........................ ב

פַארְוָואס זָאל מֶען גֵיין הֲפָצָה און זַיין אַ נִצְרָךְ לַבְּרִיּוֹת? ........................ ה


# אִישׁ אֱמוּנוֹת


אַלֶעס גֵייט אַרִיבֶּער, אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט וֶועסְטוּ זִיצְן אִין רֶבִּינְ'ס הֵיכַל ........................ א

מוֹהֲרַ"א"ש הָאט נַחַת פוּן דִיר מִיט דֶעם וָואס דוּ הֶעלְפְסְט דִי בֵּית הַדְּפוּס ........................ א

דִי גְרוֹיסֶע זְכוּת מִיטְ'ן הֶעלְפְן בּוֹיעֶן דֶעם נֵייעֶם בֵּית הַדְּפוּס ........................ ב

דִי הַדְפָּסָה דַארְף גֵיין וַוייטֶער ........................ ג

וואוֹיל אִיז דִיר אַז דוּ הָאסְט אַ גֶעפִיל פַאר הַדְפָּסַת וַהֲפָצַת סִפְרֵי רַבֵּינוּ ........................ ג

זַיי נִישְׁט מְוַותֵּר אוֹיף קַיין אֵיין קִינְד ........................ ד

דִי חִינוּךְ הַבָּנִים וְהַבָּנוֹת, דָאס דַארְף זַיין אוּנְזֶער שְׁוַוארְץ אַפֶּעל פוּן אוֹיג ........................ ד

גֵיי אַרוֹיס שְׁטִימֶען מִיט דַיין מִשְׁפָּחָה ........................ ה

דִי פְּלֶע"י אִיז אֵיין שְׁטִיק יִרְאַת שָׁמַיִם ........................ ו

זֶע צוּ רֶעדְן וֵוייךְ און הַארְצִיג אִין שְׁטוּבּ ........................ ז

אַנְשְׁטָאט זִיךְ אוֹיפְעֶסְן מִיט אַלְטֶע זַאכְן, זָאל מֶען אָנְהוֹיבְּן פוּנְדָאסְנֵיי ........................ ח

מִיט תְּפִלָּה וֵוייסְט מֶען וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן ........................ ט

פַארְוָואס, פַארְוֶוועם, פַאר וואוּ, אַרְבֶּעט אִיךְ? אִיךְ אַרְבֶּעט פַארְ'ן רֶבִּי'ן! ........................ ט

עֶנְדֶערְשׁ גֵיי מִיט חֲבֵרִים וָואס פִירְן זִיךְ וִוי דֶער תָּם ........................ י

מֶען דַארְף מְחַזֵק זַיין דִי קִינְדֶער אוּן דִי אִינְגֶעלַייט ........ יא
הַכָּרַת הַטוֹב פַאר'ן הֶעלְפְן קוֹיפְן דֶעם נַייעֶם בִּנְיָן פַאר'ן קֶרֶן הַדְפָּסָה ........ יב
פַאר אַ שִׁידוּךְ אִיז אַלֶעס כְּדַאי צוּ טוּן ........ יב
דִי דְרַיי חֲלָקִים פוּן הִתְבּוֹדְדוּת; דַאנְקֶען, אִיבֶּערְבֶּעטְן, בֶּעטְן ........ יג
מִיט אַ גֶעפִיל צוּם רֶבִּי'ן, וֶועסְטוּ אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דִי שְׁכִינָה אִין שְׁטוּבּ ........ יד
אַז דִי וַואסֶער הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעקְלָארְט אִיז אַ סִימָן אַז מֶען לֶעבְּט בְּשָׁלוֹם ........ טו
אַרַיינְפְּרֶעגְלֶען דִי אִידִישֶׁע שֵׁיינֶע מִדָּה פוּן צְנִיעוּת אִין דִי קִינְדֶער אִין יַבְנְאֵל ........ טז
אַז מֶען טוּט וַוי אַ צְוֵוייטְן, קֶען עֶס קָאסְטְן אַ טֵייעֶרֶע פְּרַייז ........ טז
לִיבְשַׁאפְט אִין אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ, בְּרֶענְגְט גְרוֹיס שֶׁפַע אוּן בְּרָכָה ........ יז
מֶען דַארְף זִיךְ דְרֵייעֶן מִיט גוּטֶע חֲבֵרִים צוּ גֶעדֶענְקֶען פוּנֶעם תַּכְלִית ........ יח
דִי יְסוֹד פוּן אַ שְׁטוּבּ אִיז דַאוֶונֶען שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב אִין שׁוּל מִיט מִנְיָן ........ יט
וָואס אִיז הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ? ........ כ
אַז מֶען זָאגְט שֵׁיינֶערְהֵייט גֵייעֶן אַרַיין דִי וֶוערְטֶער אוּן מֶען אִיז מְקַבֵּל ........ כא
אִיר זָאלְט גֵיין צוּ אַייעֶר חֲתוּנָה בְּשָׁעָה טוֹבָה וּמֻצְלַחַת ........ כב
יֶעצְט וֶועט דַיין מַאמֶע אַרוֹיפְגֵיין בִּיז דִי הֶעכְסְטֶע פְּלַאץ אִין גַן עֵדֶן ........ כג
פְרֶעג דַיין וַוייבּ רְשׁוּת אוֹיבּ דוּ זָאלְסְט פָארְן קַיין אוּמַאן ........ כד
דֶערְצֵייל דֶעם רֶבִּי'ן דַיין הִילְף פַאר'ן נַייעֶם בִּנְיָן קֶרֶן הַדְפָּסָה ........ כה
וֶוען מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ אִיז מֶען אַן אוֹיסְגֶעלֵייזְטֶער ........ כו
ווארויל אִיז דִיר אַז דוּ הָאסְט גֶענוּמֶען אַ חֵלֶק אִינֶעם "אַבְנֵי הַיְסוֹד" ........ כז
דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע שִׁיעוּרִים דַארְפְן זַיין מִיט אַחֲרָיוּת ........ כח
קוּמֶען צוּם שִׁיעוּר לֵיל שִׁישִׁי ........ כט

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## שִׁיקְן אַ קִינְד קַיין אוּמַאן, אֲפִילוּ עֶר וֶועט פַארְפֶעלְן פוּן חֵדֶר?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁט וִויל אִיךְ דַאנְקֶען דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַאר אַלֶע חִיזוּק אוּן אִידִישְׁקֵייט וָואס אִיר בְּרֶענְגְט אַרַיין צוּ אוּנְז אַהֵיים.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ עֶס הָאט אַ פְּשַׁט אִיךְ זָאל שִׁיקְן מַיין צֶען יֶערִיג אִינְגְל מִיט מַיין מַאן קַיין אוּמַאן דָאס יָאר. מַיין מַאן הָאט גֶעכַאפְּט בַּאשְׁטֶעלְט טִיקֶעטְס קַיין אוּמַאן, דָאס יָאר דַארְף מֶען פָארְן אַבִּיסְל לֶענְגֶער וִוי יֶעדֶעס יָאר אוּן עֶס וֶועט אוֹיסְקוּמֶען אַז לְכָבוֹד דֶעם וֶועט עֶר פַארְפַאסְן זִיבְּן טֶעג פוּן חֵדֶר.

אוּנְזֶער אִינְגְל וֵוייסְט אַז מִיר שְׁטֵייעֶן זֵייעֶר שְׁטַארְק אוֹיף דֶעם עֶר זָאל נִישְׁט פַארְפַאסְן קַיין אֵיין טָאג אִין חֵדֶר, אֲפִילוּ וֶוען מִיר הָאבְּן אַ נָאנְטֶע מִשְׁפָּחָה חֲתוּנָה וָואס עֶנְדִיגְט זִיךְ שְׁפֶּעט - וֶועט עֶר אוֹיךְ זַיין אִין חֵדֶר אִין צַייט, אוּן יֶעצְט הַאלְט מֶען אִין אָנְהוֹיבּ פוּן דִי נַייעֶ לֶערְן יָאר, אוּן שׁוֹין וֶועט עֶר פַארְפַאסְן זִיבְּן טֶעג פוּן חֵדֶר...

וָואס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע זַאךְ צוּ טוּן? זָאל אִיךְ אִים לָאזְן גֵיין קַיין אוּמַאן, אָדֶער זָאל עֶר בְּלַייבְּן דָא אוּן גֵיין גֶעהֶערִיג אִין חֵדֶר, אוּן אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶועל אִיךְ הָאבְּן אֵיינֶעם וָואס וֶועט אִים נֶעמֶען אִין שׁוּל צוּם דַאוֶוענֶען.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ד מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַוַודַאי זָאלְט אִיר מִיט שִׁיקְן אַייעֶר זוּן נֵרוֹ יָאִיר מִיט אַייעֶר מַאן נֵרוֹ יָאִיר קַיין אוּמַאן צוּ זַיין בַּיים רֶבִּינְ'ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה - אֲפִילוּ עֶר וֶועט דַארְפְן מְבַטֵּל זַיין פוּן לֶערְנֶען.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט קְלָאר מֶען זָאל אַזוֹי טוּן. "טוֹב לְבַלּוֹת זְמַן רַב", עֶס אִיז גוּט צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען אַסַאךְ צַייט, "בִּשְׁבִיל שָׁעָה אַחַת, שֶׁיִּתְקָרֵב לַצַּדִּיק", פַאר אֵיין שָׁעָה זַיין בַּיים צַדִּיק (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת צַדִּיק, סִימָן נה); בִּפְרַט צוּ קֶענֶען זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין בַּיים רֶבִּי'ן רֹאשׁ הַשָּׁנָה - אִיז קַיין שׁוּם פְרַאגֶע נִישְׁט; אַוַודַאי זָאלְט אִיר אִים שִׁיקְן.

בַּיים רֶבִּי'ן וֶועט עֶר בַּאקוּמֶען אַ גֶעפִיל צוּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, בַּיים רֶבִּי'ן וֶועט עֶר בַּאקוּמֶען אַ גֶעפִיל צוּ דִינֶען דֶעם הֵיילִיגְן בּוֹרֵא. פָארְן צוּם צַדִּיק אִיז נִישְׁט קַיין בִּיטוּל תּוֹרָה, עֶס אִיז קִיּוּם הַתּוֹרָה, בִּבְחִינַת (מְנָחוֹת צט:): "פְּעָמִים שֶׁבִּטּוּלָהּ שֶׁל תּוֹרָה זֶהוּ קִיּוּמָהּ".

אוֹיךְ וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען אוּן צוּ תּוֹרָה לִשְׁמָהּ. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת לִימּוּד, סִימָן סא): "מִי שֶׁאֵין לוֹ הֲבָנָה בְּלִמּוּדוֹ", וֶוער עֶס פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דָאס לֶערְנֶען, "יִשְׁבֹּת אֵצֶל צַדִּיק", זָאל פָארְן צוּם צַדִּיק, זַיין בַּיי אִים פַאר שַׁבָּת; "גַּם עַל יְדֵי זֶה יִזְכֶּה", אוֹיךְ וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין, "לִלְמֹד תּוֹרָה לִשְׁמָהּ", צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה פַאר'ן בַּאשֶׁעפֶער.

...

**וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ אָנְקוּמֶען קַיין אוּמַאן אוֹיף דָאס יָאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה?**

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין זֵייעֶר נֶערְוֶועז וָואס וֶועט זַיין מִיטְ'ן פָאֹרְן קַיין אוּמַאן הַיי יָאר. יֶעדְן טָאג הֶערְט מֶען אַנְדֶערֶע זַאכְן פוּן אַ טָאג פְרִיעֶר, אֵיין מִינוּט זָאגְט דִי נַייעֶס אַז מֶען וֶועט יָא פָאֹרְן, נָאכְדֶעם אַז נִישְׁט.

אִיךְ קֶען נִישְׁט טְרַאכְטְן פוּן נִישְׁט זַיין בַּיים רֶבִּי'ן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִיךְ בִּין אַרִיבֶּער אַ שְׁוֶועעֶרֶע יָאר, סַיי בְּרוּחְנִיּוּת אוּן סַיי בְּגַשְׁמִיּוּת, אִיךְ קוּק אַזוֹי שְׁטַארְק אַרוֹיס צוּ זַיין בַּיים רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט עֶפֶּעס אַן עֵצָה אָדֶער אַ סְגוּלָה צוּ קֶענֶען זַיין אִין אוּמַאן דָאס יָאר?

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ״ו מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט אַ סְגוּלָה בָּדוּק וּמְנוּסֶּה צוּ זַיין בַּיים רֶבִּי׳ן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן; לֶערְנֶען דִי תּוֹרָה וָואס רֶעדְט פוּן פָאֹרְן צוּ צַדִּיקִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳, סִימָן רִיא, אוּן זָאגְן דִי תְּפִלָּה פוּן לִיקוּטֵי תְּפִילּוֹת סִימָן עו - יֶעדְן טָאג; דָאס אִיז אַ סְגוּלָה בָּדוּק וּמְנוּסֶּה צוּ זַיין בַּיים רֶבִּי׳ן אִין אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

דֶערִיבֶּער, אַז דוּ ווִילְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אִין אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, זוֹכֶה זַיין צוּ טָהֳרַת הַמַּחְשָׁבָה אוּן צוּ מַמְתִּיק זַיין אַלֶע דִינִים - זָאלְסְטוּ פוּן הַיינְט לֶערְנֶען דִי תּוֹרָה הַנַ״ל אוּן זָאגְן דִי תְּפִלָּה הַנַ״ל, עֶס אִיז אַ קוּרְצֶע תּוֹרָה אוּן אַ נִישְׁט לַאנְגֶע תְּפִלָּה; וֶועסְטוּ בְּוַדַּאי זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין בַּיים רֶבִּי׳ן רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

דָא הָאסְטוּ דִי תּוֹרָה:

מַה שֶּׁהָעוֹלָם נוֹסְעִין עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה לְצַדִּיקִים, כִּי עִקַּר הַמְתָּקַת הַדִּינִין

אֵינוֹ אֶלָּא עַל יְדֵי קְדֻשַּׁת וְטָהֳרַת הַמַּחֲשָׁבוֹת, כִּי שָׁם שָׁרְשָׁם. (כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב) (כַּמּוּבָא בַּזֹּהַר): כֹּלָּא בְּמַחֲשָׁבָה אִתְבְּרִרוּ. וְאִי אֶפְשָׁר לָבוֹא לְמֹחִין זַכִּים אֶלָּא עַל יְדֵי הִתְקַשְּׁרוּת לְצַדִּיקִים, (כַּמּוּבָא) (כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב) בַּזֹּהַר: "וַיִּקַּח מֹשֶׁה אֶת עַצְמוֹת יוֹסֵף", 'מֹשֶׁה הוּא בְּחִינַת מֹחִין, וְיוֹסֵף הוּא בְּחִינַת צַדִּיק', הַיְנוּ שֶׁאֵין שְׁלֵמוּת לְמֹחִין אֶלָּא עַל יְדֵי הִתְקַשְּׁרוּת לְצַדִּיקִים. וְרֹאשׁ הַשָּׁנָה הוּא מְקוֹר הַדִּינִים שֶׁל כָּל הַשָּׁנָה, וְצָרִיךְ לְטַהֵר אֶת מַחֲשַׁבְתּוֹ כְּדֵי לְהַמְתִּיקָם, וּבִשְׁבִיל זֶה נוֹסְעִין לְצַדִּיקִים כְּדֵי לִזְכּוֹת לִקְדֻשַּׁת הַמַּחֲשָׁבָה.

און די תְּפִלָּה:

יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ ה' אֱלֹקֵינוּ וֵאלֹקֵי אֲבוֹתֵינוּ, שֶׁתְּזַכֵּנִי בְּרַחֲמֶיךָ הָרַבִּים לֵילֵךְ וְלִנְסֹעַ לְצַדִּיקִים אֲמִתִּיִּים עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וְלִהְיוֹת מְקֻשָּׁר תָּמִיד לְצַדִּיקִים אֲמִתִּיִּים, וְעַל־יְדֵי־זֶה אֶזְכֶּה לְקַדֵּשׁ אֶת דַּעְתִּי וּמַחֲשַׁבְתִּי בִּקְדֻשָּׁה גְדוֹלָה. וְתַחְמֹל עָלַי בְּחֶמְלָתְךָ הַגְּדוֹלָה, וְתִהְיֶה בְּעֶזְרִי וְתַצִּילֵנִי מִכָּל מִינֵי מַחֲשָׁבוֹת זָרוֹת וּמִכָּל מִינֵי פְּגַם הַדַּעַת שֶׁבָּעוֹלָם, וּתְחָנֵּנִי מֵאִתְּךָ חָכְמָה דֵּעָה בִּינָה וְהַשְׂכֵּל, וּתְזַכֵּנִי מְהֵרָה לִקְדֻשַּׁת הַמַּחֲשָׁבָה בִּשְׁלֵמוּת בֶּאֱמֶת. וּבְרַחֲמֶיךָ הָרַבִּים תַּמְתִּיק וּתְבַטֵּל כָּל הַדִּינִים מֵעָלֵינוּ וּמֵעַל כָּל עַמְּךָ בֵּית־יִשְׂרָאֵל מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם. וְנִזְכֶּה לְקַבֵּל קְדֻשַּׁת רֹאשׁ הַשָּׁנָה עַל־יְדֵי הַצַּדִּיקִים אֲמִתִּיִּים, וּלְתַקֵּן כָּל הַתִּקּוּנִים שֶׁצְּרִיכִין לְתַקֵּן בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁהוּא מְקוֹר הַדִּינִים שֶׁל כָּל הַשָּׁנָה. וְתִהְיֶה מַחֲשַׁבְתֵּנוּ קְדוֹשָׁה וּטְהוֹרָה תָּמִיד, וּבִפְרָט בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה הַקָּדוֹשׁ.

אָנָּא רַחוּם, בְּרַחֲמֶיךָ הָרַבִּים תְּרַחֵם עָלֵינוּ וּתְזַכֵּנוּ וּתְחָנֵּנוּ אָז לִקְדֻשַּׁת הַמַּחֲשָׁבָה בְּיוֹתֵר, וְתִשְׁמְרֵנוּ וְתַצִּילֵנוּ שֶׁלֹּא יַעֲלֶה אָז עַל מַחֲשַׁבְתֵּנוּ שׁוּם מַחֲשָׁבָה זָרָה וְחִיצוֹנָה כְּלָל, רַק בְּשִׁמְךָ נָגִיל כָּל הַיּוֹם בְּאֵימָה וּבְיִרְאָה בִּקְדֻשָּׁה וּבְטָהֳרָה גְדוֹלָה, בְּמַחֲשָׁבוֹת קְדוֹשׁוֹת וְזַכּוֹת וְצַחוֹת בְּתַכְלִית הַזַּכּוּת וְהַבְּהִירוּת, עַד שֶׁנִּזְכֶּה בְּכֹחַ הִתְקַשְּׁרוּת הַצַּדִּיקִים הָאֲמִתִּיִּים לְתַקֵּן וּלְבָרֵר כָּל הַבֵּרוּרִים בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה, לְבָרֵר כָּל נִיצוֹצוֹת הַקְּדֻשָּׁה מֵעִמְקֵי הַקְּלִפּוֹת, וּלְהַמְתִּיק וּלְבַטֵּל כָּל הַדִּינִים שֶׁבָּעוֹלָם מֵעָלֵינוּ וּמֵעַל כָּל עַמְּךָ בֵּית־יִשְׂרָאֵל, וְיֻמְשַׁךְ עָלֵינוּ אַךְ טוֹב וָחֶסֶד וִישׁוּעָה וְרַחֲמִים גְּדוֹלִים "מֵרֵאשִׁית הַשָּׁנָה וְעַד אַחֲרִית שָׁנָה". וְתִכְתְּבֵנוּ וְתַחְתְּמֵנוּ אָז לְחַיִּים טוֹבִים אֲרֻכִּים וּלְשָׁלוֹם, לְחַיִּים אֲמִתִּיִּים, חַיִּים שֶׁיֵּשׁ בָּהֶם

יִרְאַת שָׁמַיִם, חַיִּים שֶׁנִּזְכֶּה בָּהֶם לִשְׁמֹר מִצְוֹתֶיךָ וְלַעֲשׂוֹת רְצוֹנְךָ בֶּאֱמֶת וּבְלֵב שָׁלֵם, וּלְתַקֵּן כָּל מַה שֶּׁפָּגַמְנוּ מֵעוֹדֵנוּ עַד הַיּוֹם הַזֶּה, וְתַשְׁפִּיעַ עָלֵינוּ פַּרְנָסָה טוֹבָה וְרַחֲמִים וְחַיִּים וְשָׁלוֹם וְכָל טוֹב.

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אַתָּה יוֹדֵעַ גֹּדֶל הַחִיּוּב לִנְסֹעַ עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה לְצַדִּיקִים אֲמִתִּיִּים, וְגַם אַתָּה יוֹדֵעַ אֶת עֹצֶם רִבּוּי הַמְּנִיעוֹת שֶׁמִּתְגַּבְּרִים עַל זֶה מִכָּל הַצְּדָדִים. חוֹמֵל דַּלִּים, חוּס וַחֲמֹל עָלֵינוּ וְעָזְרֵנוּ וְזַכֵּנוּ לְשַׁבֵּר כָּל הַמְּנִיעוֹת, וְהוֹרֵנוּ דְּרָכֶיךָ וְהַדְרִיכֵנוּ בַּאֲמִתֶּךָ וְלַמְּדֵנוּ, שֶׁנִּזְכֶּה לֵילֵךְ וְלִנְסֹעַ לְצַדִּיקִים אֲמִתִּיִּים עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה, בְּאֹפֶן שֶׁנִּזְכֶּה עַל־יָדָם לִקְדֻשַּׁת הַמַּחֲשָׁבָה בֶּאֱמֶת. כִּי אַתָּה יוֹדֵעַ שֶׁעַכְשָׁיו בְּעוּקְבוֹת מְשִׁיחָא, עִקַּר סְמִיכָתֵנוּ וִישׁוּעָתֵנוּ הוּא רַק עַל יְמֵי רֹאשׁ הַשָּׁנָה הַקְּדוֹשִׁים, אֲשֶׁר בָּהֶם אָנוּ נִשְׁעָנִים לְהִתְקָרֵב אֵלֶיךָ, וּלְהַמְשִׁיךְ אֱלָקוּתְךָ וּמַלְכוּתְךָ עָלֵינוּ מֵרֹאשׁ הַשָּׁנָה עַל כָּל הַשָּׁנָה כֻּלָּהּ. וַאֲנַחְנוּ לֹא נֵדַע מַה נַּעֲשֶׂה בִּימֵי רֹאשׁ הַשָּׁנָה הַקְּדוֹשִׁים, וְאֵיךְ לְרַצּוֹת אוֹתְךָ אָז כָּרָאוּי. שֶׁנִּזְכֶּה לְהַמְלִיכְךָ עָלֵינוּ בְּאֵימָה וּבְיִרְאָה, וְאֵיךְ לַעֲמֹד כְּנֶגֶד כָּל הַשּׂוֹנְאִים וְהַמְקַטְרְגִים לִסְתֹּם פִּי מַסְטִינֵנוּ וּמְקַטְרִיגֵנוּ, כִּי אִם בִּזְכוּת וְכֹחַ הַצַּדִּיקִים אֲמִתִּיִּים, עֲלֵיהֶם אָנוּ נִשְׁעָנִים וּבָהֶם אָנוּ סְמוּכִים, כִּי הֵם יִלָּחֲמוּ לְפָנֵינוּ וְיַכְנִיעוּ וְיַפִּילוּ כָּל שׂוֹנְאֵינוּ וְרוֹדְפֵינוּ, וְיַמְשִׁיכוּ עָלֵינוּ קְדֻשַּׁת רֹאשׁ הַשָּׁנָה בִּשְׁלֵמוּת, עַל כֵּן רַחֵם עָלֵינוּ לְמַעַן שְׁמֶךָ, וֶהְיֵה בְּעֶזְרֵנוּ שֶׁנִּזְכֶּה לְשַׁבֵּר כָּל הַמְּנִיעוֹת וְנִזְכֶּה לָבֹא לְצַדִּיקִים אֲמִתִּיִּים עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וּלְהִתְקַשֵּׁר אֲלֵיהֶם בֶּאֱמֶת וְלִזְכּוֹת לִקְדֻשַּׁת הַמַּחֲשָׁבָה בִּשְׁלֵמוּת עַל־יָדָם, וְנִזְכֶּה לְהַמְתִּיק וּלְבַטֵּל כָּל הַדִּינִים וּלְהַמְשִׁיךְ עָלֵינוּ חֲסָדִים טוֹבִים, וּתְזַכֵּנוּ לְהַכִּיר וְלָדַעַת רוֹמְמוּתְךָ וּמֶמְשַׁלְתְּךָ עָלֵינוּ, וְתִמְלֹךְ עָלֵינוּ בִּכְבוֹדְךָ מְהֵרָה, "וְיֵדַע כָּל פָּעוּל כִּי אַתָּה פְּעַלְתּוֹ. וְיָבִין כָּל יְצוּר כִּי אַתָּה יְצַרְתּוֹ, וְיֹאמַר כֹּל אֲשֶׁר נְשָׁמָה בְּאַפּוֹ, ה' אֱלֹקֵי יִשְׂרָאֵל מֶלֶךְ וּמַלְכוּתוֹ בַּכֹּל מָשָׁלָה", וּתְטַהֲרֵנוּ וּתְקַדְּשֵׁנוּ בִּקְדֻשָּׁתְךָ הָעֶלְיוֹנָה מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם, אָמֵן סֶלָה.

...

## פַארְוָואס זָאל מֶען גֵיין הֶפְצָה אוּן זַיין אַ נִצְרָךְ לַבְּרִיּוֹת?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם כָּל וִויל אִיךְ בַּאדַאנְקֶען דֶעם ראֹש יְשִׁיבָה פַאר'ן מַאכְן מַיין לֶעבְּן אוּן מַיין שְׁטוּבּ פַאר אַ גַן עֵדֶן מִיט דִי אַלֶע עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

יֶעצְט צוּ מַיין שְׁאֵלָה, דֶער ראֹש יְשִׁיבָה הָאט דֶערְמַאנְט בַּיי אַ שִׁיעוּר אַז עֶס זֶענֶען דָא אִינְגֶעלַייט וָואס זֵייעֶר גַאנְצֶע פַּרְנָסָה אִיז פוּן הֶפְצָה. וִויל אִיךְ פַארְשְׁטֵיין, מֵילָא וֶוען אֵיינֶער וָואס קֶען נִישְׁט דֶעקְן דִי וָואךְ אוּן דִי חוֹדֶשׁ גֵייט נָאךְ גֶעלְט זִיךְ צוּ דֶעקְן - אִיז עֶס לְכַתְּחִילָה'דִיג אוֹיסְגֶעהַאלְטְן, אָבֶער אוֹיבּ אֵיינֶער קֶען טוּן אַ נָארְמַאלֶע פַּרְנָסָה, פַארְוָואס זָאל עֶר גֵיין נָאךְ גֶעלְט?

חֲזַ"ל זָאגְן דָאךְ: "מוּטָב שֶׁיַּפְשִׁיט אָדָם נְבֵלָה בַּשּׁוּק וְאַל יִצְטָרֵךְ לַבְּרִיּוֹת", אוֹיךְ זָאגְן חֲזַ"ל אִין דִי לֶעצְטֶע מִשְׁנָה אִין מַסֶכֶת פֵּאָה: "וְכָל מִי שֶׁאֵינוֹ צָרִיךְ לִטּוֹל וְנוֹטֵל אֵינוֹ נִפְטָר מִן הָעוֹלָם עַד שֶׁיִּצְטָרֵךְ לַבְּרִיּוֹת"!

אִיךְ פְרֶעג נִישְׁט חוֹזֶק צוּ מַאכְן, נָאר צוּ מְעוֹרֵר זַיין.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ו מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וֶוען מֶען גֵייט פַארְשְׁפְּרֵייטְן סְפָרִים וָואס בְּרֶענְגֶען צוּרִיק מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז מֶען נִישְׁט קַיין נִצְרָךְ לַבְּרִיּוֹת; אַדְּרַבָּה, מֶען אִיז אַ מַשְׁפִּיעַ לַבְּרִיּוֹת, מֶען אִיז אַ מַצִּיל נְפָשׁוֹת.

נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי עוֹסֵק זַיין אִין צוּרִיקְבְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן צוּ אִים. דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (תְּרוּמָה קכח:): "תָּא חֲזֵי", קוּם אוּן זֶע, זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר: "כָּל מַאן דְּאָחִיד בְּיָדָא דְּחַיָּיבָא וְאִשְׁתָּדַל בֵּיהּ, לְמִשְׁבַּק אָרְחָא בִּישָׁא", אַ מֶענְטְשׁ וָואס בְּרֶענְגְט צוּרִיק זִינְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אִיהוּ אִסְתַּלָּק בִּתְלַת סִלּוּקִין, מַה דְּלָא

אִסְתַּלָּק הָכִי בַּר נָשׁ אַחֲרָא", דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אַרוֹיף צוּ גֵיין אוֹיף אַ פְּלַאץ וָואס קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט זוֹכֶה, "גָּרִים לְאַכְפְּיָיא סִטְרָא אַחֲרָא, וְגָרִים דְּאִסְתַּלַּק קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בִּיקָרֵיהּ, וְגָרִים לְקַיְּימָא כָּל עָלְמָא בְּקִיּוּמֵיהּ לְעֵילָּא וְתַתָּא", דֶער מֶענְטְשׁ נֶעמְט אַוֶועק טוּמְאָה פוּן דִי וָועלְט אוּן עֶר מַאכְט אַז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען זָאל וֶוערְן גֶעהֵיילִיגְט אוֹיף דִי וָועלְט, אוּן דֶער מֶענְטְשׁ אִיז גוֹרֶם אַז אַלֶע וֶועלְטְן שְׁטֵייעֶן אוֹיף זַיין זְכוּת. "וְזָכֵי לְמֶחֱמֵי בְּנִין לִבְנוֹי", עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ זֶען קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ. "וְזָכֵי בְּהַאי עָלְמָא, וְזָכֵי לְעָלְמָא דְאָתֵי", אוּן עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן אוֹיף דִי וָועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, "כָּל מָארֵי דִינִין, לָא יַכְלִין לְמֵידָן לֵיהּ, בְּהַאי עָלְמָא וּבְעָלְמָא דְאָתֵי", קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט שְׁלֶעכְטְ'ס טוּן, נִישְׁט אוֹיף דִי וָועלְט אוּן נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, "עָאל בִּתְרֵיסַר תַּרְעֵי, וְלֵית מַאן דְּיִמְחֵי בִּידֵיהּ", עֶר גֵייט אַרַיין אִין דְרַייצְן טוֹיעֶרְן פוּן שַׁעֲרֵי רַחֲמִים, אוּן קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן.

וָואס הָאט גֵיין הֶפְקֵר מִיט זַיין אַ נִצְרָךְ לַבְּרִיּוֹת? אֲפִילוּ וֶוען מֶען גֵייט נָאךְ גֶעלְט זִיךְ צוּ קֶענֶען שְׁפַּייזְן - אִיז מֶען אוֹיךְ נִישְׁט קַיין נִצְרָךְ לַבְּרִיּוֹת, עֶס אִיז אַ קְלָארֶע הֲלָכָה אַז וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט קֶען גֵיין נָאךְ גֶעלְט. אַז מֶען גֵייט נָאךְ גֶעלְט - אִיז מֶען נִישְׁט קַיין נִצְרָךְ לַבְּרִיּוֹת, אַז מֶען אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אוֹיף מֶענְטְשְׁן, מֶען דִינְט מֶענְטְשְׁן, מֶען לֶעבְּט פַּאר מֶענְטְשְׁן, מֶען טְרַאכְט פוּן מֶענְטְשְׁן - דֶער אִיז אַ נִצְרָךְ לַבְּרִיּוֹת. עֶס קֶען אֲפִילוּ זַיין אֵיינֶער וָואס פַּארְדִינְט אַלֵיינְס, עֶר הָאט אַן אֵייגֶענֶע גֶעשֶׁעפְט, אָבֶּער עֶר אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אוֹיף מֶענְטְשְׁן, אַלֶעס דְרֵייעְט זִיךְ אַרוּם וָואס מֶען וֶועט זָאגְן אוֹיף אִים, וָואס מֶען טְרַאכְט אוֹיף אִים, וִוי אַזוֹי מֶען קוּקְט אוֹיף אִים - דֶעם אִיז "עוֹלָם חָשַׁךְ בַּעֲדוֹ" (בֵּיצָה ל:).

דִי וֶוערְטֶער וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (פְּסָחִים קיג.): "פְּשׁוֹט נְבֵלְתָא בְּשׁוּקָא", עֶנְדֶערְשׁ זָאלְסְטוּ זִיךְ פַּארְדִינֶגְען אָפְּצוּשִׁינְדְן הוֹיט פוּן נְבֵלוֹת, אֲפִילוּ עֶס אִיז אַ שְׁלֶעכְטֶע אַרְבֶּעט, עֶס גֵייט אַ שְׁטַארְקֶע גֶערוּךְ - "וְשָׁקִיל אַגְרָא", אוּן בַּאקוּמֶען אַ גֶעהַאלְט, "וְלָא תֵּימָא", וִוי אֵיידֶער זָאלְסְט זָאגְן "כַּהֲנָא אֲנָא, וְגַבְרָא רַבָּא אֲנָא", אִיךְ בִּין אַ חָשׁוּבְ'עֶר מֶענְטְשׁ, "וְסַנְיָא

בִּי מִלְּתָא", מִיר פַּאסְט נִישְׁט דִי אַרְבֶּעט; דָא שְׁטֵייט קְלָאר מֶען זָאל יָא גֵיין הֲפָצָה, טוּ הֲפָצָה אֲפִילוּ עֶס אִיז אַ בְּחִינָה פוּן פְּשׁוּט נְבֵלָה בַּשּׁוּק; מֶען דְרֵיידְט זִיךְ אִין גַאס, מֶען דַארְף אַרָאפְּגֵיין צוּ אַלֶע נִידְרִיגֶע פְּלֶעצֶער, מֶען דַארְף שְׁמֶעקְן דִי שְׁלֶעכְטֶע גֶערוּךְ וְכוּ' - דָאךְ טוּ אִיךְ דָאס אוּן אִיךְ זָאג נִישְׁט "כַּהֲנָא אֲנָא" - עֶס פַּאסְט מִיר נִישְׁט; אִיךְ טוּ דָאס וַוייל אִיךְ וִויל רַאטֶעוֶועט מֶענְטְשְׁן, אִיךְ גֵיי הֲפָצָה וַוייל אִיךְ הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט זָאגְן פַאר דִי מְפִיצִים זֵיי זָאלְן בֶּעטְן צְדָקָה, מֶען זָאל נִישְׁט גֶעבְּן דִי סְפָרִים בְּחִנָּם, אָבֶער נִישְׁט אַז דִי קָאפּ זָאל לִיגְן אִין מַאכְן גֶעלְט, נָאר וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֶעבְּט צְדָקָה עֶפְנְט זִיךְ זַיין הַארְץ צוּ מְקַבֵּל זַיין קְדוּשָׁה וְיִרְאַת שָׁמַיִם, בִּזְכוּת דִי צְדָקָה וָואס יֶענֶער גֶעבְּט אִיז יֶעצְט אַ צַייט וָואס עֶר קֶען זִיךְ אוֹיפְהֵייבְּן צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

הֲפָצָה אִיז נִישְׁט אַ נֵייעֶ זַאךְ, הֲפָצָה אִיז אַ זַאךְ וָואס אַלֶע דוֹרוֹת בְּרֶסְלֶבְ'עֶ חֲסִידִים טוּעֶן. דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעהֵייסְן עוֹסֵק זַיין אִין מְקָרֵב זַיין מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקמג): "כַּמָּה פְּעָמִים הָיָה מְדַבֵּר הַרְבֵּה עִמָּנוּ, וְהִזְהִיר אוֹתָנוּ מְאֹד לְקָרֵב נְפָשׁוֹת לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, לְהִשְׁתַּדֵּל לְדַבֵּר הַרְבֵּה עִם בְּנֵי אָדָם, כְּדֵי לְעוֹרְרָם וְלַהֲשִׁיבָם לְקָרְבָם לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל גֶערֶעדְט מִיט אוּנְז אוּן אוּנְז גֶעהֵייסְן מִיר זָאלְן עוֹסֵק זַיין אִין מְקָרֵב זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וְכַמָּה פְּעָמִים הָיָה מְבַזֶּה אוֹתָנוּ בְּבִזְיוֹנוֹת עַל שֶׁאָנוּ מִתְעַצְּלִים בָּזֶה, וּפַעַם אַחַת קָרָא אוֹתָנוּ 'עֵצִים יְבֵשִׁים' עַל שֶׁאֵין אָנוּ מוֹלִידִים נְפָשׁוֹת שֶׁיִּתְקָרְבוּ לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עַל יָדֵינוּ", אוּן זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל הָאט דֶער רֶבִּי אוּנְז פַארְשֶׁעמְט אוּן אוּנְז אָנְגֶערוּפְן 'עֵצִים יְבֵשִׁים' טְרוּקֶענֶע בֵּיימֶער, וַוייל מִיר גֶעבּוֹירְן נִישְׁט קֵיין פְּרִישֶׁע נְפָשׁוֹת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט וַוייטֶער: "וּפַעַם אַחַת בְּלֵיל מוֹצָאֵי שַׁבָּת עָמַדְנוּ לְפָנָיו עִם כַּמָּה אֲנָשִׁים מֵהַחֲשׁוּבִים שֶׁלּוֹ, וְהוֹכִיחַ אוֹתָנוּ מְאֹד כַּמָּה שָׁעוֹת עַל עִנְיָן זֶה", אֵיינְמָאל מוֹצָאֵי שַׁבָּת הָאט דֶער רֶבִּי אוּנְז גֶעגֶעבְּן מוּסָר אַפָּאר שָׁעָה, הֲיִתָּכֵן מִיר זֶענֶען נִישְׁט גֶענוּג עוֹסֵק אִין הֲפָצָה.

וואוּיל אִיז דֶעם וָואס אִיז עוֹסֵק אִין דִי הֵיילִיגֶע זַאךְ, וֶועט עֶר קֵיינְמָאל נִישְׁט דַארְפְן זַיין אַ נִצְרָךְ לַבְּרִיּוֹת.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**אַלֶעס גֵייט אַרִיבֶּער, אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט וֶועסְטוּ זִיצְן אִין רֶבִּינְ'ס הֵיכַל**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ג' פַּרְשַׁת עֵקֶב, י"ט מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בִּין מְקַנֵּא דַיינֶע זְכוּתִים, דוּ הָאסְט אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט דֶעם הֶערְלִיכְן "בֵּית הַדְּפוּס" וואוּ עֶס וֶוערְן גֶעדְרוּקְט צֶענְדְלִיגֶער אוּן הוּנְדֶערְטֶער טוֹיזְנְטֶער סְפָרִים, קוּנְטְרֵסִים, גִּלְיוֹנוֹת וְכוּ'.

אַשְׁרֶיךָ וְאַשְׁרֵי חֶלְקֶיךָ, דוּ גֵייסְט טַאקֶע אַרִיבֶּער וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער וְכוּ', אָבֶּער דָאס אַלֶעס גֵייט דָאךְ אַרִיבֶּער; אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט וֶועסְטוּ זִיצְן אִין הֵיכַל רַבֵּינוּ פַאר'ן זִיךְ אַזוֹי מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין אַלֶע דַיינֶע יָארְן פַאר הַדְּפָּסָה וְהַפָּצָה.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס הָאט דִיר לִיבּ.

...

**מוֹהֲרַ"ש הָאט נַחַת פוּן דִיר מִיט דֶעם וָואס דוּ הֶעלְפְסְט דִי בֵּית הַדְּפוּס**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ג' פַּרְשַׁת עֵקֶב, י"ט מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

ווארויל אִיז דִיר אַז דוּ הָאסְט דִי שֵׂכֶל אוּן דִי זְכִיָּ' צוּ הֶעלְפְן דְרוּקְן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים וָואס מוֹהֲרַ"ש הָאט גֶעשְׁרִיבְּן, אַזוֹיפִיל אִידְן

הָאבְּן כֹּחַ אָנְצוּגֵיין אִין לֶעבְּן ; דִי סְפָרִים, קוּנְטְרֵסִים אוּן גִּלְיוֹנוֹת גֶעבְּט זֵיי כֹּחַ אוּן חִיזּוּק פַאר עֲבוֹדַת הַשֵּׁם.

אִיךְ גֶעדֶענְק דִי לִיבְּשַׁאפְט וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דִיר גֶעוִויזְן אַלֶע יָארְן וֶוען דוּ הָאסְט גֶעדְרוּקְט דִי סְפָרִים ; יֶעצְט הָאט מוֹהֲרָא"שׁ וַוייטֶער נַחַת פוּן דִיר מִיט דֶעם וָואס דוּ הֶעלְפְסְט דִי בֵּית הַדְּפוּס, הָאסְט מְנַדֵּב גֶעוֶוען דִי חֶדֶר הַדְּפָסָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן אוּנְזֶער גַאנְצֶע לֶעבְּן קֶענֶען בְּלַייבְּן שַׁמָּשִׁים פַארְ'ן רֶבִּי'ן אוּן אוֹיךְ אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

...

דִי גְרוֹיסֶע זְכוּת מִיטְ'ן הֶעלְפְן בּוֹיעֶן דֶעם נֵייעֶם בֵּית הַדְּפוּס

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת עֵקֶב, י"ט מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי גְרוֹיסֶע זְכוּת דַיינֶע מִיטְ'ן הֶעלְפְן בּוֹיעֶן דֶעם נֵייעֶם בֵּית הַדְּפוּס אִין קִרְיַית בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי, הָאסְט מְנַדֵּב גֶעוֶוען דֶעם שַׁעַר הַבִּנְיָן ; דָאס וֶועט עֶפֶענֶען פַאר דִיר דֶעם שַׁעַר גַּן עֵדֶן אוֹיבְן אִין הִימְל, דִי אַלֶע וָואס הֶעלְפְן דְרוּקְן דִי סְפָרִים, קוּנְטְרֵסִים אוּן גִּלְיוֹנוֹת - הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין דִי גְּאוּלָה.

אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין אִינֶעם חֶדֶר הַדְּפָסָה אִין יְשִׁיבָה אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג וֶוען מוֹהֲרָא"שׁ אִיז עֶס גֶעקוּמֶען קוּקְן דָאס עֶרְשְׁטֶע מָאל אִינְאֵיינֶעם מִיט דִי רֶעבֶּעצִין עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם, דִי שְׁמֵייכְל וָואס מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעהַאט אוֹיפְ'ן פָּנִים - דָאס קֶען אִיךְ נִישְׁט פַארְגֶעסְן, אוּן וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן : "אָה וָואלְט זִיךְ רֶבִּי נָתָן מְחַיֶּ' גֶעוֶוען מִיט אַזַא חֶדֶר הַדְּפָסָה..."

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן בְּלַייבְּן גֶעטְרֵיי דֶעם רֶבִּי'ן אוּנְזֶער גַאנְצֶע לֶעבְּן.

...

## דִי הַדְפָּסָה דַארְף גֵיין וַוייטֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת עֵקֶב, כ' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ דֶערְמַאן זִיךְ צוּרִיק וֶוען דוּ הָאסְט גֶעהָאלְפְן עֶפֶענֶען דֶעם בֵּית הַדְפּוּס אִין יְשִׁיבָה, ווִי מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דִיר אַזוֹי לִיבּ גֶעהַאט, דִי נַחַת רוּחַ וָואס דוּ הָאסְט גֶעמַאכְט פַּאר מוֹהֲרָא"שׁ, אוּן אִיךְ וֵוייס אוּן גְלֵייבּ אַז יֶעצְט הָאט מוֹהֲרָא"שׁ גְרוֹיס פְרֵייד פוּן אַלֶעס וָואס דוּ טוּסְט צוּ הֶעלְפְן טָאג נָאךְ טָאג מִיט דִי הַדְפָּסָה, אַז אַלֶעס זָאל אָנְגֵיין אוֹיפְ'ן בֶּעסְטְן וֶועג.

מִיר דַארְפְן אָנְהוֹיבְּן טְרַאכְטְן פוּן גֵיין וַוייטֶער, מֶען טָאר נִישְׁט זַיין צוּפְרִידְן, מִיר דַארְפְן יֶעצְט אָנְהוֹיבְּן דְרוּקְן סְפָרִים מִיט הַארְטֶע דֶעקְלֶעךְ אוּן דָאס פַּארְפְלֵייצְן אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

אִין דֶעם זְכוּת וָואס דוּ הָאסְט מְנַדֵב גֶעוֶוען "אַבְנֵי הַיְסוֹד", צוּ קֶענֶען קוֹיפְן דֶעם בִּנְיָן צוּ דְרוּקְן דִי סְפָרִים - זָאלְסְטוּ זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

...

## וואוֹיל אִיז דִיר אַז דוּ הָאסְט אַ גֶעפִיל פַּאר הַדְפָּסַת וַהֲפָצַת סִפְרֵי רַבֵּינוּ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת עֵקֶב, כ' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

וואוֹיל אִיז דִיר אַז דוּ הָאסְט אַ גֶעפִיל פַּאר הַדְפָּסַת וַהֲפָצַת סִפְרֵי רַבֵּינוּ בָּעוֹלָם; וֶוען אִימֶער מֶען דַארְף הִילְף מִיט גֶעלְט, מִיט רָצוֹן, מִיט טִירְחָא - קוּמְסְטוּ הֶעלְפְן, דוּ רַאטֶעוֶועסְט דֶעם מַצָּב.

יֶעצְט הָאסְטוּ מְנַדֵב גֶעוֶוען דִי נֵייעֶ מַאשִׁין וָואס שְׁנַיידְט דִי פַּאפִּיר, אַזוֹי אוֹיךְ הָאסְטוּ מְנַדֵב גֶעוֶוען דִי נֵייעֶ וועבְּסַייט "בְּרֶסְלֶב עֶנִיטַיים", הֲפָצָה אָ"ן לֵיי"ן.

דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער זָאל דִיר בַּאגְלִיקְן מִיט נַחַת בַּיי דַיינֶע קִינְדֶער אוּן מִיט גְרוֹיס שֶׁפַע.

...

**זַיי נִישְׁט מְוַותֵּר אוֹיף קַיין אֵיין קִינְד**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת עֵקֶב, מְבָרְכִים הַחוֹדֶשׁ, כ״ב מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, מְלַמֵּד תַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ**

אִיךְ בִּין דִיר זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר פַאר׳ן אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אַזוֹיפִיל וַוארֶעמְקֵייט, אַזוֹיפִיל יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן חֶשְׁקַת הַתּוֹרָה.

מַיין זוּן נַחְמָן נָתָן הָאט מְסַיֵים גֶעוֶוען שַׁ״ס, דָאס אִיז דִיר צוּ פַארְדַאנְקֶען פַאר׳ן אַרַיינְלֵייגְן אִין אִים חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען אוּן צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט זֶען נַחַת בַּיי דַיינֶע קִינְדֶער אוּן בַּיי דִי תַּלְמִידִים.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, זַיי נִישְׁט מְוַתֵּר אוֹיף קַיין אֵיין קִינְד, יֶעדֶע קִינְד אִיז אַן עוֹלָם מָלֵא, עֶס גֵייעֶן אַרוֹיסְקוּמֶען פוּן אִים דוֹרוֹת; לֵייג אַרַיין מִידוֹת טוֹבוֹת וְיִרְאַת שָׁמַיִם.

...

**דִי חִינוּךְ הַבָּנִים וְהַבָּנוֹת, דָאס דַארְף זַיין אוּנְזֶער שְׁוַוארְץ אַפֶּעל פוּן אוֹיג**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת עֵקֶב, מְבָרְכִים הַחוֹדֶשׁ, כ״ב מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, מְנַהֵל תַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ**

אִיךְ בִּין דִיר זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר פַאר אַלֶעס וָואס דוּ טוּסְט פַאר דִי חִינוּךְ פוּן אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער.

הַיינְט אִיז מִיר אַ גְרוֹיסֶער יוֹם טוֹב, מַיין זוּן נַחְמָן נָתָן נֵרוֹ יָאִיר הָאט זוֹכֶה

גֶעוֶוען מְסַיֵּים צוּ זַיין גַאנְץ שַׁ״ס תַּלְמוּד בַּבְלִי, דָאס קוּמְט דִיר צוּ פַארְדַאנְקֶען, פַארְ׳ן אַרַיינְלֵייגְן אִין אִים אַ חֶשְׁקַת הַתּוֹרָה, פַארְ׳ן מְחַזֵּק זַיין דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען גְמָרָא, זֵיי זָאלְן אָנְהוֹיבְּן שַׁ״ס יוּנְגֶערְהֵייט אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ מְסַיֵּים זַיין שַׁ״ס פַאר דִי ״בַּר מִצְוָה״, זוֹכֶה זַיין צוּ אַ צֶלֶם אֱלֹקִים; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: ״וֶוער עֶס עֶנְדִיגְט שַׁ״ס אִיז זוֹכֶה צוּ אַ צֶלֶם אֱלֹקִים״.

אַ בַּאזוּנְדֶערֶע יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דַיין אֵשֶׁת חַיִל פַארְ׳ן הֶעלְפְן צוּגְרֵייטְן דִי מְזוֹנוֹת פַאר דִי סִיוּם.

שְׁטַארְק זִיךְ, שְׁטַארְק דִי מְלַמְדִים, שְׁטַארְק דִי קִינְדֶער; אָן דִי קִינְדֶער, אָן דִי חִינוּךְ - הָאבְּן מִיר גָארְנִישְׁט. מִיר זֶענֶען אַלֶע פַארְנוּמֶען מִיט צֶענְדְלִיגֶער שֵׁיינֶע זַאכְן אוֹיפְצוּטוּן אוֹיף דִי וֶועלְט, אָבֶּער דִי חִינוּךְ הַבָּנִים וְהַבָּנוֹת - דָאס דַארְף זַיין אוּנְזֶער שְׁוַוארְץ אַפֶּעל פוּן אוֹיג; גָארְנִישְׁט שְׁטֵייט הֶעכֶער פוּן דֶעם.

...

## גֵיי אַרוֹיס שְׁטִימֶען מִיט דַיין מִשְׁפָּחָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת רְאֵה, כ״ד מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הַיְּקָרִים תּוֹשְׁבֵי קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי, ה׳ עֲלֵיהֶם יִחְיוּ

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, גֵיי שְׁטִימֶען; עֶס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג פַארְ׳ן עָתִיד פוּנֶעם שְׁטֶעטְל, מִיר וַוארְטְן צוּ בַּאקוּמֶען עֶרְלוֹיבֶּענִישׁ אוֹיף גֶעוִויסֶע זַאכְן אוּן זֵיי קוּקְן נָאר אוֹיף זֵייעֶר בֶּענְקְל, זֵיי מֵיינֶען אַז דָאס וֶוענְדְט זִיךְ אִין דִי שְׁטִימֶען, אַזוֹי גֶעבְּן זֵיי נָאךְ גֶעוִויסֶע זַאכְן.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר, גֵיי אַרוֹיס שְׁטִימֶען מִיט דַיין מִשְׁפָּחָה, אַז זַאכְן זָאלְן זִיךְ אָנְהוֹיבְּן רוּקְן שְׁנֶעלֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## דִי פְּלֶע״י אִיז אֵיין שְׁטִיק יִרְאַת שָׁמַיִם

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת רְאֵה, כ״ד מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הַיְקָרִים, תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, ה׳ עֲלֵיהֶם יִחְיוּ**

הַיינְט, מָארְגְן אוּן אִיבֶּערְמָארְגְן שְׁטֶעלְט ״בֵּית פֵּיגָא״ פָאר דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם חָכָם אוּן תָּם (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ט), דִי תַּלְמִידוֹת בֵּית פֵּיגָא מַאכְן אַ שֵׁיינֶעם פָארְשְׁטֶעלוּנְג (פְּלֶע״י), עֶס אִיז כְּדַאי דַיין וַוייבּ אוּן דַיינֶע טֶעכְטֶער זָאלְן קוּמֶען דָאס קוּקְן.

בַּיי דִי פְּלֶע״י קֶען מֶען אַבִּיסְל כַאפְּן דִי חִילוּק פוּן בֵּית פֵּיגָא; דִי לִימוּדִים, דִי אוֹיפְפִירוּנְג; דִי לֶעבְּן אִיז אִינְגַאנְצְן אַנְדֶערְשׁ, מֶען לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה, מֶען אָטֶעמְט אֱמוּנָה.

בְּרֶענְג דַיין מִשְׁפָּחָה צוּ דִי פְּלֶע״י, בְּרֶענְג דַיינֶע עֶלְטֶערְן, דַיינֶע גֶעשְׁוִוּיסְטֶער; עֶס אִיז נִישְׁט סְתָּם אַ פְּלֶע״י וָואס מֶען וֵוייסְט נִישְׁט פַארְוָואס מֶען קוּמְט אוּן מֶען וֵוייסְט נִישְׁט מִיט וָואס מֶען גֵייט אַהֵיים, עֶס אִיז אֵיין שְׁטִיק יִרְאַת שָׁמַיִם, אֵיין שְׁטִיק הֵיילִיגְקֵייט, מַעֲשִׂיּוֹת וָואס וֶועקְט אוֹיף פוּן שְׁלָאף; דִי מַעֲשֶׂה הָאט דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט.

בְּנוֹגֵעַ דִי שְׁטֶעטְל; אִיךְ בִּין שׁוֹין דָא דֶעם זוּמֶער אַכְט וָואכְן, וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, עֶס אִיז אַ תַּעֲנוּג אוּן אַ נַחַת רוּחַ צוּ זַיין דָא, אַ פְּלַאץ פוּן תּוֹרָה וּתְפִלָּה, אַ פְּלַאץ פוּן חֶסֶד, אַ פְּלַאץ פוּן שִׂמְחָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

כַאפּ זִיךְ צוּרִיק מִיטְ׳ן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, גֵיי יֶעצְט צוּם גְמָרָא, לֶערְן דֶעם בְּלַאט גְמָרָא.

...

### זֶע צוּ רֶעדְן וַוייךְ אוּן הַארְצִיג אִין שְׁטוּב

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת רְאֵה, כ״ד מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (עַיֵין נִדָּה לא.): ״אֵין בַּעַל הַנֵּס מַכִּיר בְּנִיסוֹ״, דֶער מֶענְטְשׁ וָואס הָאט נִיסִים כַאפְּט נִישְׁט אִין וָואס פַאר אַ נֵס עֶר גֶעפוּנְט זִיךְ; וֶוען אִיךְ קוּק דִיךְ אָן - זֶע אִיךְ אֵיין זַאךְ, אִיךְ זֶע נִיסִים פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּ הָאסְט חֲתוּנָה גֶעהַאט אַזוֹי שֵׁיין, אַזוֹי גוּט; אִיךְ הָאף דוּ אַלֵיינְס בִּיסְט דָאס מַכִּיר.

טֵייעֶרער בְּרוּדֶער, הַארְצִיגֶער חָבֵר, זֶע צוּ רֶעדְן וַוייךְ אוּן הַארְצִיג צוּ דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ׳. זִי הָאט דִיר זֵייעֶר לִיבּ, זִי וַוארְט דוּ זָאלְסְט רֶעדְן צוּ אִיר הַארְצִיג אוּן וַוייךְ.

נֶעכְטְן בַּיי מְלַוֶה מַלְכָּה הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט זֵייעֶר שֵׁיינֶע חִיזוּק אוֹיף שָׁלוֹם בַּיִת; אַ שָׁאד דוּ בִּיסְט אַרוֹיס בֶּעפָארְ׳ן שִׁיעוּר, אוּן אוֹיךְ אַ שָׁאד אַז יֶעצְט זוּמֶער הַאלְסְטוּ נִישְׁט מִיט דִי שִׁיעוּרִים; וָואלְסְט גֶעהַאט אַזוֹיפִיל חִיזוּק אוֹיף שָׁלוֹם בַּיִת, אוֹיף רֶעדְן שֵׁיין, וַוייךְ אוּן הַארְצִיג.

גְלֵייבּ מִיר, אַ פְרוֹי דַארְף גָארְנִישְׁט מֶער פוּן דֶעם. אַ פְרוֹי דַארְף נִישְׁט קַיין טֵייעֶרֶע שְׁטֵיינֶער, טֵייעֶרֶע צִירוּנְג; עֶנְדֶערְשׁ דַארְף זִי אַ מַאן וָואס רֶעדְט שֵׁיין צוּ אִיר, וָואס טְרָאגְט אִיר אוּן בְּרֶענְגְט אִיר, אַ מַאן וָואס אִינְטֶערֶעסִירְט זִיךְ, אַ מַאן וָואס פַארְשְׁטֵייט אִיר אוּן זוּכְט וְוי מֶער אִיר צוּ בַּארוּאִיגְן אוּן פְרֵיילִיךְ מַאכְן.

אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט אָנְנֶעמֶען מַיינֶע הַארְצִיגֶע וֶוערְטֶער, וַוייל דַיין וַוייבּ ווִיל אַ זִיסֶע וַוארֶעמֶע לֶעבְּן מִיט דִיר; זִי הָאט גָארְנִישְׁט עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט אוֹיסֶער דִיר.

...

## אַנְשְׁטָאט זִיךְ אוֹיפְּעֶסְן מִיט אַלְטֶע זַאכְן, זָאל מֶען אָנְהוֹיבְּן פוּנְדָאסְנֵיי

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת רְאֵה, כ״ד מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳ בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט פוּן דִי בְּרִיוו; אִיךְ זֶע אַז אִיר ווִילְט זַיין גוּט, אִיר ווִילְט זַיין אַ צַדֶיקֶת. אִיר זֶענְט אַרִיבֶּער אַ שְׁוֶועֶרֶע יוּגְנְט אוּן דָאס טְרַייבְּט אַייךְ צוּ זַיין דֶערְבִּיטֶערְט, אָבֶּער אַייעֶר פְּנִימִיּוּת אִיז לוֹיטֶער.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַן עֵצָה ווִי אַזוֹי צוּ הָאבְּן אַ חַיִּים טוֹבִים: מֶען זָאל פַארְגֶעסְן וָואס אִיז גֶעוֶועןְ, מֶען זָאל אָנְהוֹיבְּן פוּנְדָאסְנֵיי; אַנְשְׁטָאט זִיךְ אוֹיפְּעֶסְן מִיט אַלְטֶע זַאכְן - זָאל מֶען אָנְהוֹיבְּן פוּנְדָאסְנֵיי. אַזוֹי זָאלְט אִיר טוּן, פַארְגֶעסְט אַייעֶר יוּגְנְט, הוֹיבְּט אָן פוּנְדָאסְנֵיי.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר אִיר זָאלְט נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן, אִיךְ זֶע אִין אַייךְ אוּן אִין אַייעֶר מַאן אַ שֵׁיינֶעם עָתִיד. בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם אִיז דָא שְׁוֶועריקֵייטְן, בַּיי יֶעדֶע יוּנְגֶע קָאפְּל אִיז דָא שְׁוֶועֶרֶע טֶעג, עֶס נֶעמְט צַייט בִּיז מֶען בַּאלַאנְצִירְט זִיךְ.

רֶעדְט וֵוייךְ צוּ אַייעֶר מַאן - וֶועט עֶר רֶעדְן צוּ אַייךְ שֵׁיין אוּן וֵוייךְ; אַייעֶר מַאן אִיז אַ וואוֹילֶער, עֶר ווִיל נִישְׁט רֶעדְן שְׁטֶעכֶעדִיג אוּן ווִי אַ הַאר וָואס שַׁאפְּט; עֶר פַארְלִירְט זִיךְ, עֶר פַארְגֶעסְט זִיךְ; דַארְפְט אִיר אִים מַאכְן רֶעדְן שֵׁיין דוּרְכְדֶעם וָואס אִיר וֶועט רֶעדְן צוּ אִים שֵׁיין.

אִיךְ הָאף אוּן אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל אַייךְ גֶעבְּן כֹּחַ אִיר זָאלְט זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן, אִיךְ הָאף אוּן אִיךְ בֶּעט אַז אִיר וֶועט אוֹיפְצִיעֶן שֵׁיינֶע לִיכְטִיגֶע דוֹרוֹת.

...

### מִיט תְּפִלָּה וֵוייסְט מֶען ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת רְאֵה, כ״ד מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳ בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר פְּרַאגֶע.

אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט דִי פְּרַאגֶע; עֶס אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב צוּ הֶעלְפְן אִין סְקוּל, אוּן עֶס אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב צוּ הֶעלְפְן דִי פְּלֶעי, אָבֶער דָאס קֶען נִישְׁט גֵיין אוֹיפְ׳ן חֶשְׁבּוֹן וְכוּ׳; נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ אָפְּשְׁטוּפְּן וְכוּ׳.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר זָאלְט ווִיסְן ווִי אַיין אוּן ווִי אוֹיס, וֶוען צוּ הֶעלְפְן אוּן ווִיפִיל צוּ הֶעלְפְן; מִיט תְּפִלָּה וֵוייסְט מֶען ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן.

...

### פַארְוָואס, פַארְוֶועם, פַאר וואוּ, אַרְבֶּעט אִיךְ? אִיךְ אַרְבֶּעט פַארְ׳ן רֶבִּי׳ן!

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת רְאֵה, כ״ד מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳ בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

וואוֹיל אִיז אַייךְ אַז אִיר הֶעלְפְט אוּנְזֶער סְקוּל ״בֵּית פֵיגָא״, אִיר בַּאקוּקְט דִי הָאר פוּן דִי מֵיידְלֶעךְ אוֹיב זֵיי הָאבְן לַייז וְכוּ׳.

עֶס אִיז זֵייעֶר אַ חָשׁוּבְ׳עֶ פָּאסְטְן. אֶפְשָׁר אַז מֶען קוּקְט אוֹיף דֶעם אַלֵיין קֶען מֶען פַארְלִירְן דִי חֵשֶׁק, אָבֶער אַז מֶען נוּצְט דִי שֵׂכֶל אִין מֹחַ, מֶען טְרַאכְט: ׳פַארְוָואס, פַארְוֶועם, פַאר וואוּ - אַרְבֶּעט אִיךְ? אִיךְ אַרְבֶּעט פַארְ׳ן רֶבִּי׳ן! אִיךְ הֶעלְף דִי סְקוּל בֵּית פֵיגָא, אִיךְ הֶעלְף אוּנְזֶער קְהִילָּה הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ׳, דֶעמָאלְט אִיז אַ קְלֵיינֶע חִילוּק וָואס מֶען טוּט, דֶעמָאלְט אִיז חָשׁוּב דָאס בַּאקוּקְן לַייז פוּן קִינְדֶער - אַזוֹי ווִי זַיין דִי מְנַהֶלֶת אָדֶער הֵיי-סְקוּל טִיטְשֶׁער.

עֶס אִיז כְּדַאי אָפְּצוּשְׁמוּעֶסְן מִיט דִי אָפִּיס אִיבֶּער אַלֶע קִינְדֶער וָואס מֶען טְרֶעפְט בַּיי זֵיי לַייז; עֶנְדֶערְשׁ זָאל דִי אָפִּיס אָנְרוּפְן דִי עֶלְטֶערְן ווִי אֵיידֶער אִיר זָאלְט דָאס טוּן, ווַייל נִישְׁט אַלֶע עֶלְטֶערְן ווֵייסְן אָפְּצוּשַׁאצְן וֶוען מֶען ווִיל זֵיי הֶעלְפְן. עֶס זֶענֶען דָא וָואס וֶועלְן זִיךְ בַּאלֵיידִיגְן אַז מֶען זָאגְט אַזַא

זַאךְ אוֹיף זֵייעֶרְ׳ס אַ קִינְד, אַז דָאס קִינְד הָאט לַייז... אַזַא חוּצְפָּה! וִוי וַוייגְט מֶען זִיךְ צוּ זָאגְן אַז מַיין קִינְד הָאט לַייז?! וֶועט פַּאסִירְן אַז מֶען וֶועט אַייךְ וַויי טוּן. אָבֶער אַז דִי אָפִיס רוּפְט - אִיז דָאס נִישְׁט פֶּערְזֶענְלִיךְ, וֶועט אִיר נִישְׁט וֶוערְן פוּן קֵיינֶעם וַויי גֶעטוּן.

גֶעבְּט אַכְטוּנְג אַז קֵיינֶער פוּן דִי קִינְדֶער, קֵיינֶער קֵיינֶער - זָאל וִויסְן וֶוער עֶס הָאט לַייז; דָאס אִיז פְּרִיוַואט, נָאר פַאר דִי עֶלְטֶערְן.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר אִיר זָאלְט אַייךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן מִיט אַייעֶר זַאךְ וָואס אִיר הֶעלְפְט בֵּית פֵּיגָא, וַוייל דָאס וֶועט אַייךְ בְּלַייבְּן פַאר אַ זְכוּת בָּזֶה וּבַבָּא.

זָאגְט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל תְּהִלִּים.

...

## עֶנְדֶערְשׁ גֵיי מִיט חֲבֵרִים וָואס פִירְן זִיךְ וִוי דֶער תַּם

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת רְאֵה, כ״ד מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה

דַיין מַאמֶע הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אַ בְּרִיוו, זִי שְׁרַייבְּט אַז אַלֶע קִינְדֶער זֶענֶען אִיר זֵייעֶר מְכַבֵּד אָבֶער דוּ בִּיסְט עֶפֶּעס סְפֶּעצִיעֶל. זִי שְׁרַייבְּט אַז דוּ עֶנְטְפֶערְסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּרִיק פַאר טַאטֶע מַאמֶע, וֶוען דוּ זֶעסְט אִינְדֶערְפְרִי אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין פְרִישֶׁע הֶעמְדֶער - שְׁרֵייסְטוּ נִישְׁט, דוּ פַארְפִירְסְט נִישְׁט.

עֶס אִיז אַ מְחַיֶּ׳ צוּ הֶערְן אַזֶעלְכֶע גוּטֶע גְרוּסְן אוֹיף דִיר; אִינֶעם זְכוּת פוּן מְכַבֵּד זַיין טַאטֶע מַאמֶע מִיט אַזַא דֶרֶךְ אֶרֶץ - וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע גוּטֶע בְּרָכוֹת וָואס דִי תּוֹרָה וואוּנְטְשְׁט אוֹיף דִי מִצְוָה.

זָאלְסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ הָאבְּן קַיין שׁוּם שַׁייְכוּת מִיט בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט וָואס וֶוערְטְלֶען זִיךְ וֶוערְטְלֶעךְ פוּן נִיבּוּל פֶּה, בִּכְלַל זָאלְסְטוּ נִישְׁט הָאבְּן שַׁייְכוּת מִיט דִי וָואס אַלֶעס אִיז בַּיי זֵיי וֶוערְטְלֶעךְ, שְׁפֶּעטְן פוּן יֶעדְן אֵיינֶעם, וּבִפְרָטִיּוּת אוֹיבּ דָאס אִיז גֶעפְלָאכְטְן מִיט מְנִיוָולוּת.

עֶנְדֶערְשׁ גֵיי מִיט חֲבֵרִים וָואס פִירְן זִיךְ וִוי דֶער תַּם, זֵיי לַאכְן נִישְׁט אוּן

שְׁפֶּעטְן נִישְׁט פוּן קֵיינֶעם, יֶעדֶער אֵיינֶער אִיז בַּיי זֵיי חָשׁוּב אוּן טֵייעֶר. קוּק צוּ וָואס דֶער תַּם הָאט זוֹכֶה גֶעוֶועזְן, צוּ וֶוערְן מִינִיסְטֶער אִיבֶּער אַלֶע מִינִיסְטָארְן.

אִיךְ הָאף אַז בְּקָרוֹב וֶוערְסְטוּ אַ חָתָן, אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ זַיין שַׁדְכָן בַּיי דִיר.

...

## מֶען דַארְף מְחַזֵק זַיין דִי קִינְדֶער אוּן דִי אִינְגֶעלַייט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ד מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְ'ן מִיר הֶעלְפְן מִיט דִי יְשִׁיבָה, אִיךְ הָאב מֶער כֹּחַ צוּ דִי בָּחוּרִים; אִיךְ שְׁפִּיר וִוי אִיךְ קֶען וַוייטֶער אָנְגֵיין מִיט דִי יְשִׁיבָה.

אִיךְ הָאב גוּטֶע פְּלֶענֶער פַארְ'ן קוּמֶענְדִיגְן זְמַן, שְׁנַת תשפ"ג, אִיךְ הָאף נָאר אַז דוּ וֶועסְט מִיר וַוייטֶער הֶעלְפְן, אַזוֹי וֶועל אִיךְ קֶענֶען וַוייטֶער אָנְגֵיין מִיט דִי עֲבוֹדַת הַקוֹדֶשׁ.

הָעִקָּר דַארְף מֶען מְחַזֵק זַיין אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער. דִי קְהִילָה וֶוערְט גְרֶעסֶער, דַארְף מֶען מֶער צוּלֵייגְן קָאפּ אוּן מֹחַ אוֹיף אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער, אַלֶע זָאלְן לֶעבְּן, אַלֶע זָאלְן הָאבְּן אַ חַיוּת. אוֹיךְ דַארְף מֶען מְחַזֵק זַיין דִי אִינְגֶעלַייט, אַלֶע זָאלְן הָאבְּן אַ חַיוּת.

בְּקִיצוּר, עֶס אִיז דָא אַסַאךְ אַרְבֶּעט, עֶס אִיז דָא אַסַאךְ וָואס צוּ טוּן; אַז דוּ וֶועסְט מִיר הֶעלְפְן - וֶועל אִיךְ הָאבְּן כֹּחַ וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין מִיט דִי בָּחוּרִים אוּן דִי אִינְגֶעלַייט.

עֶס אִיז כְּדַאי צוּ נֶעמֶען נָאךְ אִינְגֶעלַייט, וִוי לְמָשָׁל ... נֵרוֹ יָאִיר זָאל אוֹיךְ אַרוֹיסְהֶעלְפְן מְחַזֵק זַיין בָּחוּרִים אוּן אַבְרֵכִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## הַכָּרַת הַטּוֹב פַאר'ן הֶעלְפְן קוֹיפְן דֶעם נֵייעֶם בִּנְיָן פַאר'ן קֶרֶן הַדְפָּסָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ד מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

דֶעם סֵפֶר גֶעבּ אִיךְ דִיר אַ מַתָּנָה אַלְס "הַכָּרַת הַטּוֹב" פַאר'ן הֶעלְפְן קוֹיפְן דֶעם נֵייעֶם בִּנְיָן פַאר'ן "קֶרֶן הַדְפָּסָה", צוּ קֶענֶען דְרוּקְן אוּן פַאְרְפְּלֵייצְן דִי סְפָרִים פוּן רֶבִּי'ן אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

דוּ הָאסְט מְנַדֵב גֶעוֶועְן דֶעם 'שַׁעַר הַבִּנְיָן' פוּן קֶרֶן הַדְפָּסָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ בָּנֵי, חַיֵּי וּמְזוֹנֵי רְוִיחֵי, אוּן דוּ זָאלְסְט בְּלַייבְּן מִיטְ'ן גֶעפִיל צוּם רֶבִּי'ן, זָאלְסְט בְּלַייבְּן אַ גַאנְץ לֶעבְּן צוּגֶעבִּינְדְן צוּ דִי תּוֹרָה אוּן צוּ דִי אֱמוּנָה.

...

## פַאר אַ שִׁידוּךְ אִיז אַלֶעס כְּדַאי צוּ טוּן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ה מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

פַאר אַ שִׁידוּךְ אִיז אַלֶעס כְּדַאי צוּ טוּן; אַז דִי מֵיידְל וִויל נִישְׁט הֶערְן דָאס וָוארְט 'בְּרֶסְלֶב' - זָאלְסְטוּ זָאגְן אַז דוּ הָאסְט גָארְנִישְׁט מִיט בְּרֶסְלֶב, אַבִּי דִי שִׁידוּךְ זָאל וֶוערְן.

אִיךְ וֵוייס אַז דוּ וִוילְסְט נִישְׁט, דוּ בִּיסְט בְּשׁוּם אֵין אוֹפֶן נִישְׁט מַסְכִּים אוֹיף דֶעם, דוּ וִוילְסְט דָאךְ דַוְקָא יָא אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שְׁטוּב, לֶעבְּן אַ לֶעבְּן מִיטְ'ן רֶבִּי'ן - דָאךְ דַארְפְסְטוּ אַלֶעס טוּן אַבִּי חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן.

מוֹהֲרָא"ש הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט אַלֶעס אִין דִי וֶועלְט צוּ טוּן אַבִּי חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן, טוּן רְצוֹן הַשֵּׁם. אֲפִילוּ זַאכְן וָואס אִיז גֶעוֶועְן אַזוֹי הַארְבּ, וִוי לְמָשָׁל זִיךְ אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר; מִיר וֵוייסְן דָאךְ וִוי מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט אַזוֹיפִיל רֶעדְן צוּ דִי פְרוּיעֶן זֵיי זָאלְן זִיךְ שֶׁערְן דִי הָאר, אוּן אַז דִי הָאר וָואס מֶען שֶׁערְט נִישְׁט הַאלְט צוּרִיק מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ, דָאךְ, וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אַ שִׁידוּךְ וָואס דִי

מְדַבֶּרֶת הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט זִיךְ שֶׁערְן, הָאט מוֹהַרְנַ"שׁ גֶעזָאגְט מֶען זָאל נִישְׁט רֶעדְן דֶערְפוּן, נָאר קוֹדֶם מַאכְן דִי שִׁידוּךְ אוּן נָאכְדֶעם קֶען מֶען מִיט חָכְמָה אוּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת אַלֶעס פּוֹעֶלְ'ן.

אִיךְ וֵוייס אַז עֶס אִיז דִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ טוּן אַזַא זַאךְ, גֵיין זָאגְן 'אִיךְ הָאבּ מֶער גָארְנִישְׁט מִיט בְּרֶסְלֶב'; דוּ וַוארְטְסְט אַזוֹי לַאנְג צוּ קֶענֶען פִירְן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּבּ מִיט דַיין וַוייבּ מִיטְ'ן רֶבִּינְ'ס לִימוּדִים, דָאךְ זָאג אִיךְ דִיר: "טוּ עֶס", זָאג אַז דוּ הָאסְט גָארְנִישְׁט מִיט מִיר, דוּ הָאסְט נָאר גֶעלֶערְנְט דָא, אוּן מִיט חָכְמָה קֶען מֶען אַלֶעס מַאכְן; מֶען קֶען מַאכְן דִי וַוייבּ פַאר אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶ, אֲפִילוּ זִי ווִיל נִישְׁט; אוֹיבּ הָאט מֶען סַבְלָנוּת, מִיט אַבִּיסְל חָכְמָה מִיט אַסַאךְ תְּפִלָּה.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

**דִי דְרֵיי חֲלָקִים פוּן הִתְבּוֹדְדוּת; דַאנְקֶען, אִיבֶּערְבֶּעטְן, בֶּעטְן**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ה מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

מַזָּל טוֹב פַאר דַיין נֵייעֶ גֶעבּוֹירֶענֶע מֵיידְל, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט אִיר מְגַדֵּל זַיין לַתּוֹרָה וּלַחוּפָּה וּלְמַעֲשִׂים טוֹבִים, גֶעזוּנְטֶערְהֵייט, אִינְאֵיינֶעם מִיט דַיין וַוייבּ.

גֵיי אַבִּיסְל הִתְבּוֹדְדוּת, מַאךְ זִיךְ אַ קְבִיעוּת אַבִּיסְל צוּ שְׁפַּאצִירְן אַרוּם דַיין שְׁטוּבּ. דוּ הָאסְט דָאךְ אַ שֵׁיינֶע פֶעלְד אַרוּם דַיין הוֹיז, זָאלְסְטוּ גֵיין שְׁפַּאצִירְן, זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין.

טֵייל אַיין דִי הִתְבּוֹדְדוּת אִין דְרֵיי:

דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אִיז תּוֹדָה וְהוֹדָאָה, הוֹיבּ אָן מִיט דַאנְקֶען; דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַלֶע חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט דִיר אוּן מִיט דַיין מִשְׁפָּחָה, דַאנְק אִים פַארְ'ן דִיךְ מְקָרֵב זַיין צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

צְוֵוייטְנְס, תְּשׁוּבָה; בֶּעט אִיבֶּער דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, טוּ תְּשׁוּבָה אוֹיף אַלֶעס

וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן, דֶערְצֵייל אִים אַלֶעס וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן אוּן וָואס דוּ טוּסְט אוּן הָאבּ חֲרָטָה, זָאג פַאר׳ן בַּאשֶׁעפֶער אַז דוּ גֵייסְט מֶער נִישְׁט טוּן דִי זַאכְן.

דְרִיטְנְ׳ס, בַּקָשָׁה; בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר, עֶר זָאל דִיךְ מְקָרֵב זַיין צוּ אִים, דוּ זָאלְסְט זִיךְ פִירְן אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל.

דִי פָּאר מִינוּט וָואס דוּ שְׁפַּאצִירְסְט אַזוֹי אַרוּם דַיין שְׁטוּבּ - זָאלְסְטוּ אָפְּלָאזְן דֶעם טֶעלֶעפָאן אוּן אַלֶעס אַרוּם; יֶעצְט אִיז אַ צַייט וָואס אִיךְ שְׁטֶעל אַלֶעס אָפּ.

מִיר פָארְן שׁוֹין כִּמְעַט צוּם רֶבִּי׳ן זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן אַ גוּטֶע יָאר, לָנוּ וּלְכָל יִשְׂרָאֵל, אָמֵן.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## מִיט אַ גֶעפִיל צוּם רֶבִּי׳ן, וֶועסְטוּ אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דִי שְׁכִינָה אִין שְׁטוּבּ

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת רְאֵה, כ״ה מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

דַיין וַוייבּ שְׁרַייבְּט מִיר אַז זִי אִיז אַלֵיינְס בַּיינַאכְט, זִי וֵוייסְט נִישְׁט וואוּ דוּ בִּיסְט.

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ עֶנְטְפֶערְן וַוייל אִיךְ זֶע דִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט. גֶעוֶוענְלִיךְ גֵייט עֶס אִינְאֵיינֶעם, וֶוען מֶען קוּמְט צוּ דִי שִׁיעוּרִים, מֶען דְרֵייט זִיךְ צְוִוישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ - לֶעבְּט מֶען מִיט עֲנָוָה, מֶען קֶען אַיינְבֵּייגְן דִי קָאפּ אִין שְׁטוּבּ, מֶען הָאט אַ גֶעפִיל צוּ דִי וַוייבּ, אוּן אַז מֶען הֶערְט נִישְׁט קַיין חִיזוּק, מֶען דְרֵייט זִיךְ וֵויינִיג צְוִוישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ - פַארְגֶעסְט מֶען וָואס אִיז תַּכְלִית, מֶען הוֹיבְּט אָן טְרַאכְטְן שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת וְכוּ׳.

טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער, אִיךְ בֶּעט דִיר, לָאז נִישְׁט אָפּ דֶעם רֶבִּי׳ן, בְּלַייבּ צְוִוישְׁן

אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ. גֵיי שְׁרַייַ צוּם בַּאשֶׁעפֶער דוּ זָאלְסְט בְּלַייבְּן מִיט דִי גֶעפִיל צוּם רֶבִּי'ן, אַזוֹי וֶועסְטוּ קֶענֶען אַיינְבֵּייגְן דִי קָאפּ אִין שְׁטוּבּ, זַיין אַ שָׁפָל אוּן אַ סַבְלָן – אַזוֹי וֶועסְטוּ מַאכְן רוּעֶן דִי שְׁכִינָה בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ.

מִיר פָּארְן שׁוֹין כִּמְעַט צוּם רֶבִּי'ן קַיין אוּמַאן; צוּם רֶבִּי'ן קֶען מֶען נָאר קוּמֶען מִיט שָׁלוֹם בַּיִת, מִיט אַ רֵיינֶעם מֹחַ מַחֲשָׁבָה.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## אַז דִי וַואסֶער הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעקְלָארְט אִיז אַ סִימָן אַז מֶען לֶעבְּט בְּשָׁלוֹם

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת רְאֵה, כ"ה מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן
לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

אִיךְ פְּרֵיי זִיךְ צוּ הֶערְן אַז דִי וַואסֶער אִין בֵּית הַדְּפוּס אִיז שׁוֹין רֵיין אוּן זוֹיבֶּער, וַוייל דִי גַאנְצֶע צַייט וָואס דִי וַואסֶער אִיז גֶעוֶוען שְׁמוּצִיג – הָאט דָאס גֶעוִויזְן אוֹיף נִישְׁט אַ גוּטֶע זַאךְ.

יֶעדֶע זַאךְ קוּמְט אוּנְז עֶפֶּעס וַוייזְן, יֶעדֶע זַאךְ לֶערְנְט אוּנְז עֶפֶּעס. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת שָׁלוֹם, סִימָן יא): "עֲכִירַת הַמַּיִם", שְׁמוּצִיגֶע וַואסֶער, "הוּא סִימָן שֶׁאֵין שָׁלוֹם", אִיז אַ בַּאוַוייז אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שָׁלוֹם; דֶערִיבֶּער יֶעצְט אַז דִי וַואסֶער הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעקְלָארְט – אִיז גוּט, עֶס אִיז אַ סִימָן אַז מֶען קוּמְט זִיךְ אוֹיס, מֶען לֶעבְּט בְּשָׁלוֹם.

אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיר וֶועלְן זוֹכֶה זַיין אָנְצוּקוּמֶען בְּשָׁלוֹם קַיין אוּמַאן, זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים רֶבִּי'ן. גְרֵייט אָן אַלֶעס, זֶע אַלֶעס זָאל זַיין עַל צַד הַיּוֹתֵר טוֹב, בְּעִיקָר זָאל אַלֶעס זַיין גוּט אָן קַיין סַכָּנָה. זֶע צוּ בַּאשְׁטֶעלְן רָאבֶּערְס פַּאר דִי מִקְוֶה מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְגְלִיטְשְׁן, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ בֶּעטְן ... עֶר זָאל שׁוֹין אָנְפִילְן דִי בּוֹר מֵי גְּשָׁמִים כְּדֵי דִי מִקְוֶה זָאל זַיין כָּשֵׁר. אוֹיךְ דַארְף מֶען אָנְגְרֵייטְן בַּיי דִי טְרֶעפּ לֶעקְטֶערְס וָואס צִינְדְן זִיךְ אָן וֶוען מֶען פַארְלֶעשְׁט דִי דְזְשֶׁענֶערֶעיטָאר, עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין סַכָּנָה.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## אַרײַנְפְּרֶעגְלֶען די אִידִישֶׁע שֵׁיינֶע מִדָּה פוּן צְנִיעוּת אִין דִי קִינְדֶער אִין יַבְנְאֵל

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת רְאֵה, כ״ה מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן**

**... תְּחִיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

וואוּיל אִיז אַייךְ אוּן וואוּיל אִיז אַייעֶר חֵלֶק אַז אִיר בְּרֶענְגְט אַרַיין אֱמוּנָה, שִׂמְחָה אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם אִין דִי מֵיידְלֶעךְ אִין יַבְנְאֵל; דִי לִימוּדִים וָואס אִיר הָאט גֶעלֶערְנְט אַלֶע אַייעֶרֶע יָארְן אִין בֵּית פֵיגָא אִין אַמֶעריקָא - לֵייגְט אִיר יֶעצְט אַרַיין אִין דִי מֵיידְלֶעךְ אִין יַבְנְאֵל.

שְׁטַארְקְט זִיךְ, גֵייט אָן מִיט אַייעֶר הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט. דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוען מֶען לֶערְנְט אוֹיס אִידִישֶׁע קִינְדֶער דִי שֵׁיינְקֵייט פוּן דִי תּוֹרָה, דִי זִיסֶע וֶועג פוּן לֶעבְּן מִיט דִי תּוֹרָה וֶועג.

גֶעבְּט אַ גְרוּס פַּאר ... תְּחִיֶ׳, אוּן אִיר מִיט זִי אִינְאֵיינֶעם זָאלְט אִיר אַרײַנְפְּרֶעגְלֶען דִי אִידִישֶׁע שֵׁיינֶע מִדָּה פוּן צְנִיעוּת אִין דִי קִינְדֶער אִין יַבְנְאֵל - וֶועט אִיר מַאכְן אַ גְרוֹיסֶע נַחַת רוּחַ פַּאר מוֹהֲרַ״ן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן פַּאר אַלֶע צַדִיקִים, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אַייךְ גֶעבְּן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ בְּקָרוֹב.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

שְׁרַייבְּט מִיר נָאךְ בְּרִיוו.

...

## אַז מֶען טוּט וֵויי אַ צְוֵוייטְן, קֶען עֶס קָאסְטְן אַ טֵייעֶרֶע פְּרַייז

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת רְאֵה, כ״ה מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

גֶעבּ אַכְטוּנְג נִישְׁט וֵויי צוּ טוּן קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה

זָאגְן (סוֹטָה ח:): "בַּמִּדָּה שֶׁאָדָם מוֹדֵד", מִיט דִי וֶועג וִוי דֶער מֶענְטְשׁ פִירְט זִיךְ, "בָּהּ מוֹדְדִין לוֹ", אַזוֹי פִירְט מֶען זִיךְ מִיט אִים; אַז מֶען גֶעבְּט אַכְטוּנְג נִישְׁט וַויי צוּ טוּן אַנְדֶערֶע - וֶועט מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן הִימְל אוֹיף דִיר, דוּ זָאלְסְט נִישְׁט וֶוערְן וַויי גֶעטוּן, אוּן חַס וְשָׁלוֹם אַז מֶען טוּט וַויי אַ צְוֵוייטְן, מֶען הָאט הֲנָאָה וֶוען אַ צְוֵוייטֶער וֶוערְט פַארְשֶׁעמְט - קֶען דָאס קָאסְטְן אַ טֵייעֶרֶע פְּרַייז.

זִיכֶער נִישְׁט זִיךְ אוּנְטֶערְגֶעהַאלְטְן מִיט טְשֶׁעפֶּען יֶענֶעם מִיט נִיאוּף. אִיךְ הָאף אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין שַׁייכוּת מִיט דִי לֵצִים וָואס לֶעבְּן פוּן שְׁטֶעכְן אַנְדֶערֶע, אוּן נִישְׁט מִיט וָואס מֶען הָאט יֶעצְט גֶעטוּן מִיט ...; אִים גֶערוּפְן אוּן גֶעשְׁרִיבְּן פַארְשְׁטֶעלְטֶערְהֵייט כְּאִילוּ אֵיינֶער וִויל טוּן אַן עֲבֵירָה אוּן זִיךְ אָפְּגֶעשְׁמוּעֶסְט מִיט יֶענֶעם, אוּן וֶוען יֶענֶער אִיז גֶעקוּמֶען הָאט מֶען זִיךְ אוּנְטֶערְגֶעהַאלְטְן.

מִיר שְׁטֶערְט עֶס זֵייעֶר, אִיךְ הַאלְט נִישְׁט אוֹיס אַז בַּיי מִיר אִיז דָא לֵצָנוּת אוּן נִיאוּף, אֶפְשָׁר בִּין אִיךְ נִישְׁט דֶער רִיכְטִיגֶער מֶענְטְשׁ צוּ זַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה, אֶפְשָׁר זָאל אִיךְ אָפְּטְרֶעטְן; וַוייל אִיךְ זֶע אַז אִיךְ הַאלְט נָאךְ אִין עֶרְגֶעץ נִישְׁט, אַז אַזֶעלְכֶע זַאכְן פַּאסִירְן דָא.

אִיךְ הָאף דִי זַאכְן הָאבְּן גָארְנִישְׁט מִיט דִיר.

...

**לִיבְּשַׁאפְּט אִין אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּב, בְּרֶענְגְט גְרוֹיס שֶׁפַע אוּן בְּרָכָה**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת רְאֵה, כ"ה מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ בִּין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אַז דוּ לֶעבְּסְט בְּשָׁלוֹם מִיט דַיין וַוייבּ, עֶס אִיז דָא לִיבְּשַׁאפְט צְווִישְׁן עֶנְק. אִיךְ זֶע דוּ גֶעבְּסְט לֶעצְטְנְס אַסַאךְ צְדָקָה, סַיי פַאר דִי רֶענְט, פַאר דִי כּוֹלֵל אוּן פַאר הַדְפָּסָה; יֶעצְט פַארְשְׁטֵיי אִיךְ שׁוֹין פוּן וואוּ דִי שֶׁפַע קוּמְט, דֶער רֶבִּי זָאגְט דָאךְ (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת שָׁלוֹם, סִימָן יח): "הַבְּרָכָה בָּא עַל יְדֵי שָׁלוֹם", דוּרְךְ שָׁלוֹם אִיז דָא בְּרָכוֹת, (שָׁם, סִימָן כב): "הַשָּׁלוֹם סִימָן לְשׂבַע", שָׁלוֹם בְּרֶענְגְט זֶעטִיגְקֵייט.

גֶעבּ אִיבֶּער פַאר דַיין ווַייבּ אַ דַאנְק פַארְ'ן הֶעלְפְן אָנְגְרֵייטְן דִי פָארְשְׁטֶעלוּנְג, דִי פְּלֶעי - וָואס בֵּית פֵּיגָא הָאט גֶעמַאכְט.

יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען הֶעלְפְט דִי סְקוּל, דִי חֵדֶר - אִיז אַ גְרוֹיסֶע זְכוּת פַאר יֶעצְט, פַאר שְׁפֶּעטֶער אוּן פַאר אֵייבִּיג.

אִיךְ הָאף וָואס שְׁנֶעלֶער צוּ בַּאצָאלְן מַיינֶע טִיקֶעטְס אוּן דִי טִיקֶעטְס פוּן מַיינֶע קִינְדֶער, אוּן אַ יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְ'ן מִיר מַאכְן דִי טִיקֶעטְס אוֹיף בָּארְג.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## מֶען דַארְף זִיךְ דְרֵייעֶן מִיט גוּטֶע חֲבֵרִים צוּ גֶעדֶענְקֶען פוּנֶעם תַּכְלִית

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ה מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר

יֶעצְט וֶוען דוּ גֵייסְט שׁוֹין נָאךְ אַבִּיסְל צוּ דַיין חֲתוּנָה בְּשָׁעָה טוֹבָה וּמֻצְלַחַת, דַארְפְסְטוּ זִיךְ מְיַשֵּׁב זַיין אוּן זִיךְ פְרֶעגְן 'מַה הַתַּכְלִית מִכָּל עוֹלָם הַזֶּה?' וָואס אִיז דִי תַּכְלִית פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט? אַלֶעס וָואס מֶען זֶעט, אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער - אִיז דָאךְ נָאר צוּ בְּרֶענְגֶען אַ מֶענְטְשׁ נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען זָאל אַנֶערְקֶענֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶער אוּן מֶער. לְמַעֲשֶׂה, גָאר וֵוייניג מֶענְטְשְׁן טְרַאכְטְן דִי פְרַאגֶע, מֶען אִיז אַזוֹי אַרַיינְגֶעטוּן אִין וֶועלְטְלִיכֶע זַאכְן, מֶען פַארְגֶעסְט פוּנֶעם בַּאשֶׁעפֶער.

ווִי אַזוֹי קֶען מֶען מַאכְן מֶען זָאל זִיךְ קֶענֶען מְיַשֵּׁב זַיין אוּן נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן תַּכְלִית? אַז מֶען לֶעבְּט מִיטְ'ן רֶבִּי'ן, אַז מֶען הָאט גוּטֶע חֲבֵרִים וָואס רֶעדְן פוּן רֶבִּי'ן, חֲבֵרִים וָואס בֶּענְקֶען, ווִילְן אוּן הָאפְן צוּ זַיין גוּט, מֶען רֶעדְט פוּן נָאךְ אַן עֵצָה אוּן נָאךְ אַן עֵצָה; דָאס מַאכְט מֶען זָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן תַּכְלִית.

גֶעבּ זִיךְ אַכְטוּנְג פוּן נִיבּוּל פֶּה, דָארְט וואוּ דוּ אַרְבֶּעטְסְט אִיז אָנְגֶעפִילְט מִיט נִיבּוּל פֶּה; אָדֶער מַאךְ אַ טוּמְל מֶען זָאל נִישְׁט רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה, אָדֶער זוּךְ

אַ נֵייעֶ פַּרְנָסָה; עֶס אִיז נִישְׁט וֶוערְד צוּ אַרְבֶּעטְן דָארְט וואוּ מֶען רֶעדְט נִיבּוּל פֶּה.

הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא פוּן קֵיינֶעם.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

### דִי יְסוֹד פוּן אַ שְׁטוּבּ אִיז דַאוֶונֶען שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב אִין שׁוּל מִיט מִנְיָן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת רְאֵה, כ״ה מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

יֶעצְט וֶוען דוּ בּוֹיסְט דַיין שְׁטוּבּ, זָאלְסְטוּ אַוֶועקְשְׁטֶעלְן אַ פֶּעסְטֶע פוּנְדַאמֶענְט; נָאר אַז מֶען לֵייגְט גוּטֶע יְסוֹדוֹת - קֶען דִי שְׁטוּבּ הָאבְּן אַ קִיוּם.

דִי יְסוֹד זָאל זַיין דִי דְרֵיי תְּפִילּוֹת, זַיי נִישְׁט מְוַתֵּר אוֹיף דֶעם; גֵיי אִין שׁוּל דַאוֶונֶען שַׁחֲרִית, מִנְחָה וְעַרְבִית מִיט מִנְיָן דַיְקָא, מִיט אַ סִידּוּר פוּן אִינֶעוֵוייניג; אַזוֹי וֶועסְטוּ בּוֹיעֶן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּבּ.

זָאג נִישְׁט: ״מָארְגְן וֶועל אִיךְ אָנְהוֹיבְּן״, זָאג נִישְׁט קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ, חוֹדֶשׁ, יָאר - וֶועל אִיךְ אָנְהוֹיבְּן, הוֹיבּ הַיינְט אָן דַאוֶונֶען דִי דְרֵיי תְּפִילּוֹת מִיט מִנְיָן.

עֶס וֶועט דִיר נָאר בֶּעסֶער וֶוערְן דַיין שְׁלוֹם בַּיִת; דַיין וַוייבּ וֶועט דִיךְ מֶער אַרוֹיפְקוּקְן, זִי וֶועט זִיךְ בַּארוּמֶען פַאר אַלֶע אִירֶע פְרַיינְט אַז זִי הָאט אַ מַאן וָואס אִיז גוּט צוּ אִיר, אוּן אִיז שְׁטַארְק מִיט דַאוֶונֶען דִי דְרֵיי תְּפִילּוֹת.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

**וָואס אִיז הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ?**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פָּרָשַׁת רְאֵה, כ״ו מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן **לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

וָואס אִיז הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ? הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִיז אַ פְּלַאץ וָואס אִיז מְחַזֵק אוֹיף תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה. מְחַזֵק צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ מִיט תַּרְגוּם, מִשְׁנַיוֹת, גְּמָרָא, הֲלָכָה, תְּהִלִים, סִפְרֵי רַבֵּינוּ. אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען אִיז מְחַזֵק אוֹיף אֱמוּנָה, חִיזוּק צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִיז נִישְׁט אַ פְּלַאץ, אַ חֲסִידוּת - וָואס מֶען בַּאטִיטְלְט זִיךְ ׳אִיךְ בִּין אַ ... חָסִיד׳ אָן לֶערְנֶען אוּן אָן דַאוְוענֶען; נָאר אַז מֶען עֶפְנְט דִי מִשְׁנַיוֹת, דִי גְמָרָא - דֶעמָאלְט הָאט מֶען שַׁייְכוּת מִיט הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, וואוּ דוּ גֵייסְט - זָאלְסְטוּ מִיט נֶעמֶען מִיט דִיר אַ מִשְׁנַיוֹת אוּן זָאגְן אַ מִשְׁנָה דָא - אַ מִשְׁנָה דָארְט, אַ פֶּרֶק דָא - אַ פֶּרֶק דָארְט; טְרַאכְט נִישְׁט ׳אִיךְ וֶועל שְׁפֶּעטֶער הָאבְּן צַייט, אִיךְ וֶועל שְׁפֶּעטֶער לֶערְנֶען׳. טְרָאג מִיט דִיר אַ גַאנְצְן צַייט אַ קְלֵיינֶע מִשְׁנַיוֹת, אַ קְלֵיינֶע תְּהִלִים, וַוייל עֶס אִיז דָא אַזוֹיפִיל צַייט דוּרְכְ׳ן טָאג.

אוֹיבּ הַאלְט מֶען מִיט זִיךְ אַ מִשְׁנַיוֹת - דָאס אִיז אַ תַּלְמִיד הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, אוּן אָן אַ מִשְׁנַיוֹת - אִיז אַלֶעס אֵיין גְרוֹיסֶע גָארְנִישְׁט.

וֶוען אִיךְ בִּין מְקוּרָב גֶעוָוארְן אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ הָאט מִיר אַ גוּטֶער חָבֵר גֶעזָאגְט: ״אִיךְ רֶעד נִישְׁט אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ נָאר מִיט אֵיינֶער וָואס לֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת; אֵיינֶער וָואס דְרֵיידְט זִיךְ דָא, אֲפִילוּ עֶר דְרֵייוְט מוֹהֲרָא״שׁ, אֲפִילוּ עֶר שְׁטוּפְּט אַרַיין דִי בֶּענְקְל פַּאר מוֹהֲרָא״שׁ, אוֹיבּ הָאט עֶר הַיינְט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת - אִיז עֶר אַ בְּחִינָה פוּן חָסִיד שֶׁנָפַל, שֶׁגָרוּעַ מִמְשׁוּמָד רַחֲמָנָא לִצְלָן״.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## אַז מֶען זָאגְט שֵׁיינֶערְהֵייט גֵייעֶן אַרַיין דִי וֶוערְטֶער אוּן מֶען אִיז מְקַבֵּל

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ו מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר, גַּבְּאַי בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי

זַיי מוֹדִיעַ פַּאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז דָאנֶערְשְׁטָאג וֶועלְן מִיר זָאגְן יוֹם כִּיפּוּר קָטָן אִינְאֵיינֶעם אוּם 8:15 אוּנְטְן אִין יְשִׁיבָה, אִינְאֵיינֶעם מִיט דִי בָּחוּרִים; זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיר זָאלְן קֶענֶען אָנְקוּמֶען קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

אִיךְ מוּז דִיר זָאגְן, אִיךְ בִּין זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּנֶעם שְׁטֶעטְל; עֶס אִיז מִיר גֶעוֶוען אַזַא פַארְגֶענוּגְן דָא צוּ זַיין בְּמֶשֶׁךְ דֶעם זוּמֶער, אִיךְ אוּן מַיין מִשְׁפָּחָה הָאבְּן זֵייעֶר הַנָאָה גֶעהַאט.

זַיי נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן וֶוען אִיךְ זָאג מוּסָר, אָדֶער וֶוען דוּ זֶעסְט אִין דִי בְּרִיוְון מוּסָר; דָאס אִיז נָאר בֶּעסֶער צוּ מַאכְן. אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָא"שׁ בְּרֶענְגְט פוּנֶעם צַדִיק רֶבִּי מִיכְל'עֶ זְלָאטְשׁוּבֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אֵיידֶער עֶר פְלֶעגְט זָאגְן אַ דְרָשָׁה מִיט מוּסָר, אִיז עֶר צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם אָרוֹן הַקוֹדֶשׁ אוּן גֶעזָאגְט: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, דוּ הָאסְט אַ טֵייעֶר פָאלְק; אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען זֵייעֶר וואוֹיל, אִיךְ וִויל זֵיי מַאכְן נָאךְ בֶּעסֶער, נָאךְ וואוֹילֶער".

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיפְ'ן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ עֶס זָאל זִיךְ פִירְן מִיט כָּבוֹד, מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ. מֶען זָאל דַאוֶוענֶען צַייטְלִיךְ, מֶען זָאל נִישְׁט שְׁמוּעֶסְן בַּיים דַאוֶוענֶען. אַ גַבְּאַי טְרָאגְט דִי אַחְרָיוּת אַז דֶער בֵּית הַמֶּדְרָשׁ זָאל זִיךְ פִירְן אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף זִיךְ פִירְן, הָאב נִישְׁט מוֹרָא צוּ זָאגְן וֶוען מֶען דַארְף אֵיינֶעם זָאגְן; אַז מֶען זָאגְט שֵׁיינֶערְהֵייט - גֵייעֶן אַרַיין דִי וֶוערְטֶער אוּן מֶען אִיז מְקַבֵּל.

בַּיי רֶבִּי נָתָן הָאט אֵיינֶעם אָנְגֶעכַאפְּט אַ שְׁוַוייגֶענִישׁ, עֶר הָאט גֶעוָואלְט וֶוערְן עֶרְלִיךְ; הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "שְׁוַוייגְן אִיז נִישְׁט קַיין עֵסֶק, מֶען דַארְף וויסְן וִוי אַזוֹי צוּ רֶעדְן"; אַז מֶען רֶעדְט מִיט דַעַת - אִיז דָאס בֶּעסֶער פוּן שְׁוַוייגְן.

בְּנוֹגֵעַ דִי יָמִים טוֹבִים; בִּיז דֶערְוַוייל זֶעט אוֹיס אַז תִּשְׁרֵי וֶועל אִיךְ זַיין אִין שְׁטָאט, זָאלְסְטוּ זֶען אָנְצוּגְרֵייטְן בַּעֲלֵי תְּפִילוֹת פַּאר יוֹם כִּיפּוּר.

זִיךְ מִיט דִי גַבָּאִים פוּן דִי אַנְדֶערֶע שׁוּלְן, הָאַבְרֵךְ ... גַבְּאֵי אֲשֶׁר בַּנַּחַל, הָאַבְרֵךְ ... גַבְּאֵי מְקוֹר הַשִּׂמְחָה, הָאַבְרֵךְ ... גַבְּאֵי עֲצָתוֹ אֱמוּנָה - אוֹיבּ מֶען זָאל דַאוֶוענֶען יוֹם כִּיפּוּר אִין אַלֶע שׁוּלְן בַּאזוּנְדֶער וְכוּ', אוּן בְּנוֹגֵעַ דִי בַּעֲלֵי תְּפִילוֹת.

מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף וֶועל אִיךְ זַיין מִיט עֶנְק נָאךְ צְוֵויי שַׁבָּתִים, רְאֵה אוּן שׁוֹפְטִים, אוּן נָאךְ צְוֵויי שַׁבָּתִים - כִּי תֵצֵא אוּן כִּי תָבֹא - אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג, אוּן נִצָּבִים וֶועלְן מִיר זַיין אִין אוּמַאן בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּיְ'ן.

קוּק זִיךְ פָּאר מַעֲרָבִית פַּאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

**אִיר זָאלְט גֵיין צוּ אַייעֶר חֲתוּנָה בְּשָׁעָה טוֹבָה וּמֻצְלַחַת**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ו מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן הַכַּלָּה ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען דִי בְּרִיוו.

אִיךְ זֶע אַלֶע אַייעֶרֶע בְּרִיוו; אִיךְ קוּם פְּשׁוּט נִישְׁט אָן צוּרִיק צוּ שְׁרַייבְּן.

זֶעט נִישְׁט אוֹיס אַז אִיךְ וֶועל קֶענֶען זַיין בַּיי אַייעֶר חֲתוּנָה, ווִי עֶס זֶעט אוֹיס וֶועל אִיךְ נִישְׁט קוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל בִּיז דֶעם קוּמֶענְדִיגְן ווִינְטֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט גֵיין צוּ אַייעֶר חֲתוּנָה בְּשָׁעָה טוֹבָה וּמֻצְלַחַת, אִיר זָאלְט אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ, מֶען זָאל לֶעבְן בְּשָׁלוֹם וּבְשַׁלְוָה.

...

## יֶעצְט וֶועט דַיין מַאמֶע אַרוֹיפְגֵיין בִּיז דִי הֶעכְסְטֶע פְּלַאץ אִין גַן עֵדֶן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת רְאֵה, כ״ו מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

יֶעצְט הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט דִי נֵייעֶס פוּן דִי פְּטִירָה פוּן דַיין מַאמֶע עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם, אִיךְ ווִיל דִיר מְנַחֵם זַיין; הַמָּקוֹם יְנַחֵם אוֹתְךָ מִתּוֹךְ שְׁאַר אֲבֵלֵי צִיּוֹן וִירוּשָׁלַיִם, מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אוֹיסְגֶעלֵייזְט אוּן צוּ בִּיאַת מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ.

יֶעצְט וֶועט דַיין מַאמֶע אַרוֹיפְגֵיין הֶעכֶער אוּן הֶעכֶער בִּיז דִי הֶעכְסְטֶע פְּלַאץ אִין גַן עֵדֶן, אַזוֹי זָאגְט מוֹהֲרַא״שׁ; וֶוען אַ נְשָׁמָה גֵייט אַרוֹיף אוֹיבְן אִין הִימְל אוּן לָאזְט אִיבֶּער אוֹיף דִי וֶועלְט אַ קִינְד וָואס פָּאלְגְט דֶעם רֶבִּי׳ן אוּן עֶר אִיז צוּגֶעבִּינְדְן צוּם רֶבִּי׳ן - טוּט זִיךְ אַ רַעשׁ אוּן אַ טוּמְל, אַלֶע נְשָׁמוֹת זֶענֶען מְקַנֵא דִי נְשָׁמָה, ווַייל וֶוען מֶען לָאזְט אִיבֶּער אַ קִינְד וָואס אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד, רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן לֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה - גֵייט דִי נְשָׁמָה הֶעכֶער אוּן הֶעכֶער, מֶען קֶען נִישְׁט מַשִּׂיג זַיין וָואס פַּאר אַ תַּעֲנוּג דִי נְשָׁמָה הָאט אוֹיבְן אִין הִימְל.

שְׁטַארְק זִיךְ, לֶערְן יֶעדְן טָאג מִשְׁנַיוֹת; זָאג דִי וֶוערְטֶער אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין - וֶועסְטוּ מַאכְן אַ נַחַת רוּחַ פַּאר אִיר נְשָׁמָה אוּן אוֹיךְ פַּאר דַיין נְשָׁמָה.

אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ וֶועסְט זִיךְ קֶענֶען צַאמְנֶעמֶען, אַרוֹיסְטְרַייבְּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת וְכוּ׳. זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל וֶוען מֶען פַארְלִירְט אַ טַאטֶע אָדֶער אַ מַאמֶע - וֶוערְט מֶען צֶעטוּמְלְט, מֶען הוֹיבְּט אָן טְרַאכְטְן שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת וְכוּ׳, מֶען בַּאשׁוּלְדִיגְט זִיךְ, מֶען טְרַאכְט ׳אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶענוּג גֶעטוּן׳, אָדֶער מֶען טְרַאכְט ׳וֶועגְן מִיר הָאט דָאס פַּאסִירְט׳, דָאס אִיז נִישְׁט קַיין גוּטֶע מַחֲשָׁבוֹת, דָאס אִיז נִישְׁט גוּט פַאר דִי נְשָׁמָה, דִי שׁוּלְד גֶעפִיל שְׁטֶערְט דִי רוּהֶ פוּן דִי נְשָׁמָה.

גֵיי הִתְבּוֹדְדוּת יֶעדְן טָאג, רֶעד זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶערְצֵייל אִים אַלֶעס, דֶערְצֵייל אִים דַיינֶע מַחֲשָׁבוֹת, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר, אוֹיף דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה אוּן אוֹיף אוּנְז אַלֶע.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

**פְרֶעג דַיין וַוייבּ רְשׁוּת אוֹיבּ דוּ זָאלְסְט פָארְן קַיין אוּמַאן**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת רְאֵה, כ״ו מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרְער, הֶחָתָן ... נֵרוֹ יָאִיר**

מַזָל טוֹב פַאר דַיין חֲתוּנָה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ, דַיין שְׁטוּבּ זָאל זַיין אַ פְּלַאץ וואו דִי שְׁכִינָה הַקְדוֹשָׁה זָאל רוּעֶן.

אִיךְ פְּרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דַיין וַוייבּ הָאט מַקְרִיב גֶעוֶועְן אַ קָרְבַּן לַה׳, זִי הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשׁוּירְן אִירֶע הָאר, דָאס אִיז אַ רִיכְטִיגֶע קָרְבַּן פַאר׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; אִין דֶעם זְכוּת וֶועלְן עֶנְק זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער אוּן הֵיילִיגֶע דוֹרוֹת.

אִיךְ שִׁיק עֶנְק אַ מַתָּנָה, אַ זִילְבֶּערְנֶע ה גֶעבֶּענְטְשְׁט פוּן מוֹהֲרַא״ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ; דָאס גֶעבְּן מִיר פַאר אַלֶע תַּלְמִידוֹת בֵּית פֵּיגָא וָואס טוּעֶן דִי וִוילְן פוּן מוֹהֲרַא״ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, זֵיי שֶׁערְן זִיךְ אָפּ דִי הָאר; זֵיי זֶענֶען מְקָרֵב דִי גְּאוּלָה שְׁלֵימָה. דִי זִילְבֶּערְנֶע ה אִיז אַ גְרוֹיסֶע סְגוּלָה פַאר קִינְדֶער, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בָּנִים חֵלֶק ב׳, סִימָן ח׳): ״הֵ״א הַנַּעֲשָׂה מִכֶּסֶף״, אַ זִילְבֶּערְנֶע ה, ״מְסֻגָּל לִפְרִיָּה וּרְבִיָּה״, אִיז מְסוּגָל פַאר קִינְדֶער.

גֶעבּ אַסַאךְ גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר דַיין וַוייבּ, דָאס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג פַאר שָׁלוֹם בַּיִת. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוֹטָה כא:): ״רוֹצָה אִשָּׁה בְקַב״, אַ פְרוֹי וִויל עֶנְדֶערְשׁ וֵויינִיג גֶעלְט, ״וְתִפְלוּת״, אוּן זַיין נָאנְט מִיט אִיר מַאן, ״מִתִּשְׁעָה קַבִּין״, ווִי צוּ הָאבְּן אַסַאךְ גֶעלְט, ״וּפְרִישׁוּת״, אוּן זַיין אָפְּגֶעשֵׁיידְט; אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ ווִי אַזוֹי מֶען רֶעדְט, דָאס רֶעדְן שֵׁיין - דָאס בְּרֶענְגְט דִי שָׁלוֹם בַּיִת נֶענְטֶער אוּן שְׁטֶערְקֶער; אַז מֶען רֶעדְט שֵׁיין, מֶען גֶעבְּט גוּטֶע וֶוערְטֶער - וֶוערְט זִי זֵייעֶר שְׁטַארְק בַּאהָאפְטְן צוּ אִיר מַאן.

אויךְ זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען אִין שְׁטוּבּ, דָאס הָאט אַ וַוייבּ זֵייעֶר לִיבּ; דָאס הֵייסְט, בִּשְׁעַת זִי וֶוערְט פַארְנוּמֶען מִיט דִי שְׁטוּבּ, מִיט דִי וֶועשׁ, מִיט דִי כֵּלִים, מִיט רֵיינִיגְן וְכוּ' וְכוּ' - דֶעמָאלְט זָאלְסְטוּ זִיצְן מִיט אַ מִשְׁנַיוֹת, אַ גְמָרָא, מִיט אַלֶע דַיינֶע שִׁיעוּרִים - אוּן לֶערְנֶען אוֹיפְ'ן קוֹל, דָאס וֶועט אִיר זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ מַאכְן, אוֹיךְ וֶועט דִיךְ דָאס הִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

דִי מַתָּנָה, דִי זִילְבֶּערְנֶע ה גֶעבֶּענְטְשְׁט פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, דָאס גֶעבּ אִיךְ נָאר פַאר וֶוער עֶס טוּט דִי ווִילְן פוּן מוֹהֲרָא"שׁ. דִי אַלֶע וָואס הָאבְּן חֲפֵצִים פוּן אַ צַדִּיק, אוֹיבּ מֶען טוּט דִי ווִילְן פוּנֶעם צַדִּיק - הָאט אַ חֲשִׁיבוּת וֶוען מֶען גֵייט מִיט זַיינְ'ס אַ מַלְבּוּשׁ, אָבֶער אַז מֶען גֵייט נָאר מִיט דִי בְּגָדִים פוּנֶעם צַדִּיק אוּן מֶען פִירְט זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי - הָאט דָאס אַ פָּנִים ווִי אַ חוֹזֶק.

בְּנוֹגֵעַ קוּמֶען קַיין אוּמַאן דִי יָאר; וֶוען דוּ הַאלְסְט אַפָּאר וָואכְן נָאךְ דַיין חֲתוּנָה - פְרֶעג דַיין וַוייבּ רְשׁוּת, אוּן אוֹיבּ זִי ווִיל נִישְׁט דוּ זָאלְסְט פָארְן - זָאלְסְטוּ בְּלַייבְּן מִיט אִיר דִי יָאר, אוֹיף דֶעם אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן (שַׁבָּת קנא:): "חַלֵּל עָלָיו שַׁבָּת אֶחָד כְּדֵי שֶׁיִּשְׁמֹר שַׁבָּתוֹת הַרְבֵּה".

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**דֶערְצֵייל דֶעם רֶבִּי'ן דַיין הִילְף פַארְ'ן נֵייעֶם בִּנְיַן קֶרֶן הַדְּפָסָה**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ו מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת נִיאוּף, סִימָן מא): "תִּקּוּן לְהוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה, שֶׁיִּשְׁתַּדֵּל לְהַחֲזִיר בְּנֵי אָדָם בִּתְשׁוּבָה", דוּרְךְ צוּרִיק בְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן צוּ דִי גוּטֶע וֶועג - פַארְרֶעכְט מֶען מִיט דֶעם דִי עֲבֵירוֹת פוּן פְּגַם הַבְּרִית. אַזוֹי אוֹיךְ בְּרֶענְגְט דֶער רֵאשִׁית חָכְמָה (שַׁעַר הַקְּדוּשָּׁה, פֶּרֶק יז): "שָׁמַעְתִּי לְעִנְיַן תִּיקּוּן אוֹת הַבְּרִית", אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט, וֶוער עֶס ווִיל פַארְרֶעכְטְן דֶעם אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ, "שֶׁיִּשְׁתַּדֵּל גַּם לְהַחְזִיר בְּנֵי הָאָדָם בִּתְשׁוּבָה", זָאל צוּרִיק בְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן צוּ תְּשׁוּבָה, עַיֵּין שָׁם.

מִיטְ'ן מְנַדֵב זַיין "אַבְנֵי הַיְסוֹד" פַארְ'ן נֵייעֶם בִּנְיָן "קֶרֶן הַדְפָּסָה" וואו מֶען דְרוּקְט צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער סְפָרִים וֶועכְנְטְלִיךְ - הָאסְטוּ אַ חֵלֶק אִין אַלֶע מֶענְטְשְׁן וָואס קוּמֶען צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַלֶע הִרְהוּרֵי תְּשׁוּבָה, אַלֶע תּוֹרָה וּתְפִלָּה וָואס מֶענְטְשְׁן לֶערְנֶען אוּן דַאוְונֶען נָאכְן בַּאקוּמֶען אַ סֵפֶר, אַ גִּלְיוֹן וְכוּ' וְכוּ' - וֶועט דִיר מְתַקֵן זַיין.

וֶוען דוּ גֵייסְט צוּם צִיּוּן אִין אוּמַאן זָאלְסְטוּ דֶערְצֵיילְן דֶעם רֶבִּי'ן אַז דוּ הָאסְט זִיךְ מִשְׁתַּתֵּף גֶעוֶוען אִינֶעם נֵייעֶם בִּנְיָן קֶרֶן הַדְפָּסָה.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

### וֶוען מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ אִיז מֶען אַן אוֹיסְגֶעלֵייזְטֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ו מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶרע פְרַאגֶעס.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר זָאלְט זוֹכֶה זַיין צוּ שִׂמְחָה. שִׂמְחָה אִיז 'עוֹלָם הַחֵרוּת', וֶוען מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ אִיז מֶען אַן אוֹיסְגֶעלֵייזְטֶער, מֶען גֵייט אַרוֹיס פוּן דִי אֵייגֶענֶע גָלוּת, דִי מֹחַ וֶוערְט פְרֵיי. אוֹיבּ מֶען אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ קֶען מֶען גָארְנִישְׁט טוּן, מֶען אִיז נִישְׁט בַּעַל הַבַּיִת אוֹיף זִיךְ, דִי מַחֲשָׁבוֹת בּוּזְשֶׁעוֶוען אוּן פַּיינִיגְן דֶעם מֶענְטְשׁ זֶעלְבְּסְט.

דֶערִיבֶּער זֶעט מֶען אַז אִין רוֹב תְּשׁוּבוֹת אִין שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב עֶנְטְפֶערְט מוֹהֲרָא"שׁ דִי זֶעלְבֶּע עֶנְטְפֶער, אוֹיף אַפָּאר טוֹיזְנְט פְרַאגֶעס אִיז דָא כִּמְעַט דִי זֶעלְבֶּע עֶנְטְפֶער. מוֹהֲרָא"שׁ הוֹיבְּט אָן מִיט דִי וֶוערְטֶער: "דַיין גַאנְצֶע פְּרָאבְּלֶעם אִיז וַוייל דוּ בִּיסְט נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, וָואלְסְטוּ גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ וָואלְסְטוּ נִישְׁט גֶעהַאט דֶעם פְּרָאבְּלֶעם"; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז מוֹהֲרָא"שׁ וֶועלְכֶער הָאט אִיבֶּער פוּפְצִיג יָאר עוֹסֵק גֶעוֶוען בְּתִקּוּן הָעוֹלָם, אוֹיסְגֶעהֶערְט יֶעדְן צֶעבְּרָאכֶענֶעם הַארְץ טָאג אוּן נַאכְט - הָאט גֶעזֶען, גֶעהֶערְט אוּן פַארְשְׁטַאנֶען אַז אוֹיף אַלֶע פְרַאגֶעס, פְּרָאבְּלֶעמֶען אוּן זָארְג אִיז דָא אֵיין

ענְטְפֶער: "שִׂמְחָה"; אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (יְשַׁעְיָה נה, יב): "כִּי בְשִׂמְחָה תֵצֵאוּ", מִיט שִׂמְחָה גֵייט מֶען אַרוֹיס פוּן גָלוּת.

יֶעצְט פְרֶעגְט זִיךְ אֵיין פְרַאגֶע, אוֹיב אַלֶעס אִיז גֶעוָואנְדְן אִין זַיין פְרֵיילִיךְ - וִוי אַזוֹי וֶוערְט מֶען פְרֵיילִיךְ? וִוי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ שִׂמְחָה? דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן י): "עַל יְדֵי מַה שֶּׁמּוֹצֵא בְּעַצְמוֹ אֵיזֶה נְקֻדָּה טוֹבָה", דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען טְרֶעפְט אִין זִיךְ עֶפֶּעס גוּטְס, מֶען טְרַאכְט פוּן גוּטֶע זַאכְן וָואס מֶען טוּט, מֶען טְרַאכְט פוּן דֶעם אַז מֶען אִיז אַ אִיד, מֶען אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן אַ אִיד - דוּרְכְדֶעם וֶוערְט מֶען פְרֵיילִיךְ, אוּן אַז מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ הָאט מֶען שׁוֹין אַלֶעס.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## ווָאוֹיל אִיז דִיר אַז דוּ הָאסְט גֶענוּמֶען אַ חֵלֶק אִינֶעם "אַבְנֵי הַיְסוֹד"

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ו מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי דֶער וָואס בְּרֶענְגְט צוּרִיק מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי וִוי דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (תְּרוּמָה קכח:): "תָּא חֲזֵי, כָּל מַאן דְּאָחִיד בִּידָא דְחַיָּיבָא וְאִשְׁתָּדַּל בֵּיהּ, לְמִשְׁבַּק אָרְחָא בִּישָׁא", קוּם אוּן זֶע, זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר: אַ מֶענְטְשׁ וָואס בְּרֶענְגְט צוּרִיק זִינְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אִיהוּ אִסְתַּלָּק בִּתְלַת סִלּוּקִין, מַה דְּלָא אִסְתַּלָּק הָכִי בַּר נָשׁ אַחֲרָא. גָּרִים לְאַכְפְּיָיא סִטְרָא אַחֲרָא, וְגָרִים דְּאִסְתָּלַק קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בִּיקָרֵיהּ. וְגָרִים לְקַיְּימָא כָּל עָלְמָא בְּקִיּוּמֵיהּ לְעֵילָא וְתַתָּא", אִיז זוֹכֶה אַרוֹיף צוּ גֵיין אוֹיף אַ פְּלַאץ וָואס קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט זוֹכֶה; דֶער מֶענְטְשׁ נֶעמְט אַוֶועק טוּמְאָה פוּן דִי וֶועלְט, עֶר מַאכְט אַז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנ׳ס נָאמֶען זָאל וֶוערְן גֶעהֵיילִיגְט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן עֶר אִיז גוֹרֵם אַז אַלֶע וֶועלְטְן שְׁטֵייעֶן אוֹיף זַיין זְכוּת. "וְזָכֵי לְמֶחֱמֵי בְּנִין לִבְנוֹי", עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ זֶען קִינְדֶער אוּן

אֵיינִיקְלֶעךְ, "וְזָכֵי בְּהַאי עָלְמָא, וְזָכֵי לְעָלְמָא דְאָתֵי", און עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן אוֹיף דִי וֶועלְט און אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, "כָּל מָארֵי דִינִין, לָא יַכְלִין לְמֵידָן לֵיהּ, בְּהַאי עָלְמָא וּבְעָלְמָא דְאָתֵי", קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט שְׁלֶעכְטְ'ס טוּן - נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט און נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, "עָאל בִּתְרֵיסַר תַּרְעֵי, וְלֵית מַאן דִּימְחֵי בִּידֵיהּ", עֶר גֵייט אַרַיין אִין דְרַייצְן טוֹיעֶרְן פוּן שַׁעֲרֵי רַחֲמִים און קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן, עַיֵּין שָׁם.

דִי אַלֶע וָואס הָאבְּן אַרוֹיסְגֶעהָאלְפְן קוֹיפְן דֶעם נֵייעֶם בִּנְיָן פַארְ'ן "קֶרֶן הַדְפָּסָה" - הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין אַלֶעס גוּטְס צוּ וָואס אִידִישֶׁע קִינְדֶער וֶוערְן נִתְעוֹרֵר דוּרְךְ דִי סְפָרִים, קוּנְטְרֵסִים וְכוּ' וְכוּ'.

וואוּיל אִיז דִיר אַז דוּ הָאסְט גֶענוּמֶען אַ חֵלֶק אִינֶעם נֵייעֶם בִּנְיָן אִין שְׁטֶעטְל, דוּ הָאסְט גֶענוּמֶען אַ חֵלֶק אִינֶעם "אַבְנֵי הַיְּסוֹד".

אִין דֶעם זְכוּת זָאלְסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ שֶׁפַע, בְּרָכָה וְהַצְלָחָה, און שְׁטֶענְדִיג בְּלַייבְּן מִיטְ'ן גֶעפִיל צוּ הֶעלְפְן דֶעם רֶבִּי'ן.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

### דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע שִׁיעוּרִים דַארְפְן זַיין מִיט אַחְרָיוּת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ז מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תְּחְיֶ' בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶס אִיז אַזוֹי גוּט צוּ הֶערְן שֵׁיינֶע גְרוּסְן, סַיי פוּן דִי קִינְדֶער און פוּן דִי אֵיידֶעמֶער, ווִי שֵׁיין זֵיי פִירְן זִיךְ מִיט אַזַא דֶרֶךְ אֶרֶץ, און פוּן אַייעֶר מַאן. דִי שֵׁיינֶע גְרוּסְן גֶעבְּט כֹּחַ וַוייטֶער עוֹסֵק צוּ זַיין מִיט אִינְגֶעלַייט און בָּחוּרִים, זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען דִי שֵׁיינֶע לִימוּדִים פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

בְּנוֹגֵעַ דִי פְּרוּוְוּן צַאמְקוּם וְכוּ'; אַדְרַבָּה וְאַדְרַבָּה, אַז אִיר ווִילְט זַיין פַארְאַנְטְוָוארְטְלִיךְ אוֹיף דֶעם - קֶען מֶען דָאס מַאכְן. בִּכְלַל טְרַאכְטְן מִיר פוּן צֶעטֵיילְן דִי צַאמְקוּם אוֹיף קְלֵיינֶע גְרוּפֶּעס בִּיז פִינְף און צְוָואנְצִיג פְרוֹיעֶן אַ

גְרוּפֶּע, דָאס הֵייסְט, מֶען וֶועט זִיךְ צַאמְקוּמֶען אִין אַלֶע גֶעגֶנְטֶער פוּן שְׁטֶעטְל אֵיין מָאל אַ וָואךְ, אוּן יֶעדְן עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ וֶועט מֶען מַאכְן אֵיין גְרוֹיסֶע צַאמְקוּם.

אוֹיבּ מֶען ווִיל בַּאקוּמֶען דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע שִׁיעוּרִים, קֶען דָאס נָאר זַיין אוֹיבּ עֶס אִיז דָא אֵיינֶער וָואס אִיז גְרֵייט צוּ שְׁטֵיין בְּרֹאשׁ, זַיין אַחְרַיוּת'דִיג סֵיי מִיטְ'ן אָנְגְרֵייטְן, סֵיי זֶען עֶס זָאל זַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג; עֶס זָאל זַיין שְׁטִיל. סֵיי מִיטְ'ן הַאלְטְן פְּרִיוַואט דִי שִׁיעוּרִים, אוּן ווִיסְן וֶועם מְכַבֵּד זַיין צוּ רֶעדְן; נָאר דִי פְּרוֹיעֶן וָואס נֶעמֶען זֵייעֶר שֵׂכֶל פוּן רֶבִּי'ן דוּרְךְ אֲשֶׁר בַּנַחַל וְכוּ'.

...

## קוּמֶען צוּם שִׁיעוּר לֵיל שִׁישִׁי

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ח מְנַחֵם-אָב, עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל מֻקְדָּם, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ ווִיל דִיר דַאנְקֶען פַאר'ן מִיר הֶעלְפְן בּוֹיעֶן דֶעם שְׁטֶעטְל; פַאר'ן זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען אוּן נֶעמֶען דִי מִי צוּ גֵיין (וואוֹיטְן) שְׁטִימֶען מִיט דַיין וַוייבּ. עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע הִילְף, עֶס הָאט שׁוֹין גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסֶע מַהְפֵּכָה, זֵיי הָאבְּן נָאךְ אַזוֹינְס נִישְׁט גֶעזֶען; אַזוֹיפִיל אִידְן זָאלְן קוּמֶען שְׁטִימֶען.

יֶעצְט קוּמֶען זֵיי אוּן בֶּעטְן זִיךְ, זֵיי ווִילְן זִיצְן מִיט דִי הַנְהָלָה. אֲפִילוּ דִי גָאר לִינְקֶע וָואס הָאבְּן נִישְׁט גֶעוָואלְט שְׁטֵיין מִיט אוּנְז אִין וָוארְט - קוּמֶען יֶעצְט, זֵיי ווִילְן אוּנְז צוּפְרִידְן שְׁטֶעלְן זִיךְ צוּ פַארְזִיכֶערְן אַ בֶּענְקְל בַּיי דִי קוּמֶענְדִיגֶע וַואלְן.

אִיךְ ווִיל דִיר מְחַזֵק זַיין דוּ זָאלְסְט צוּרִיק אָנְהוֹיבְּן קוּמֶען צוּ דִי שִׁיעוּרִים יֶעדֶע לֵיל שִׁישִׁי. עֶס אִיז זֵייעֶר ווִיכְטִיג צוּ קוּמֶען כָאטְשִׁיג אֵיין מָאל אַ וָואךְ הֶערְן חִיזוּק, עֵצוֹת אוּן שֵׂכֶל פַאר'ן לֶעבְּן.

דִי לֶעבְּן וֶוערְט יֶעדְן טָאג מֶער קָאמְפְּלֶעצִירְט; אַז נֶעכְטְן הָאט מֶען זִיךְ

גֶעקֶענְט אַלֵיינְס אַן עֵצָה גֶעבְּן - מֵיינְט נִישְׁט אַז הַיינְט וֶועט מֶען זִיךְ קֶענֶען אַן עֵצָה גֶעבְּן, כָּל שֶׁכֵּן אַז נֶעכְטְן הָאט מֶען זִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט אַן עֵצָה גֶעבְּן... נָאר דוּרְכְ'ן הֶערְן חִיזּוּק רֵייד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן - קֶען מֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן.

טֵייעֶרֶער לִיבֶּער בְּרוּדֶער, שְׁטֵיי וַוייט פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס נֶעמֶען דְרָאגְ"ס; גֵיי נִישְׁט צוּ קַיין פַּארְטִי וואוּ מֶען שְׁלֶעפְּט אַ שְׁלֶעפּ פוּן ווִי"ד, עֶס אִיז סַכָּנַת נְפָשׁוֹת; גֶעדֶענְק אִיךְ הָאבּ דִיר פָּארְאוֹיס גֶעוָוארְנְט! מֶען פַארְלִירְט דִי וֶועלְט אוּן אוֹיךְ יֶענֶע וֶועלְט.

אוֹיךְ גֶעבּ אַכְטוּנְג פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס טְרִינְקֶען; נֶעם זִיךְ נִישְׁט צוּזַאם מִיט מֶענְטְשְׁן וָואס וֶועלְן דִיר אַרָאפְּשְׁלֶעפְּן צוּ שִׁכְרוּת, נֶעם זִיךְ צַאם מִיט מֶענְטְשְׁן וָואס וֶועלְן דִיךְ בְּרֶענְגֶען נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מִיר גֵייעֶן בַּאלְד זָאגְן יוֹם כִּיפּוּר קָטָן, מִיר גֵייעֶן זִיךְ גְרֵייטְן פַּארְ'ן נֵייעֶם גַאסְט, דֶער גְרוֹיסֶער גַאסְט - חוֹדֶשׁ אֱלוּל; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט אוּנְז אַ חוֹדֶשׁ פוּן רַחְמָנוּת, אַ חוֹדֶשׁ פוּן לִיבְּשַׁאפְט, אַ חוֹדֶשׁ פוּן נָאנְטְקֵייט, זִיךְ צוּרִיק צוּ קֶערְן צוּ אִים.

בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, קוּם צוּ דִי שִׁיעוּרִים; שְׁטֶעק אַרֵיין דַיין קָאפּ צְווִישְׁן אוּנְזֶער הֵיילִיגֶע חַבוּרָה וָואס מֶען לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה, אַ חַבוּרָה וָואס מֶען חַזֶרְ'ט תְּפִלָּה.

נֶעם זִיךְ גוּטֶע חֲבֵרִים; אִיךְ בִּין גְרֵייט צוּ זַיין דַיין חָבֵר, דִיךְ מְחַזֵק זַיין אוֹיף תּוֹרָה, תְּפִלָּה, מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים.

אִין שְׁטֶעטְל הָאבּ אִיךְ גֶעעֶפְנְט יֶעצְט אַ נֵייעֶ אָרְגַאנִיזַאצְיֶע, אַ פְּרִישֶׁע גְמַ"ח - פוּן רֶעדְן שֵׁיין אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן, פוּן פַארְגִינֶען אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, פוּן זִיךְ פְרֵייעֶן וֶוען אַ צְוֵוייטֶער אִיז מַצְלִיחַ; אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט זַיין אַ וַואלֶענְטִיר בַּיי אוּנְזֶער אָרְגַאנִיזַאצְיֶע דַארְפְסְטוּ מִיר נִישְׁט לָאזְן ווִיסְן, נָאר הוֹיבּ אָן טוּן צוּ דִי זַאךְ.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

### פַאר קִינְדֶער

## עֶס וֶועט אַרִיבֶּערְגֵיין

קוּקְט אַלֶע, דֶער קֶענִיג לַאכְט שׁוֹין וַוייטֶער אוּן עֶר קוּקְט אוֹיף זַיין פִינְגֶער; וָואס מֵיינְט דָאס? וִוי אַזוֹי קֶען מֶען לַאכְן וֶוען מֶען הָאט אַ צָרָה? אַלֶע מֶענְטְשְׁן וֶוען זֵיי הָאבְן אַ צָרָה וֵויינֶען זֵיי, אוּן דֶער גְרוֹיסֶער קֶענִיג לַאכְט! לָאמִיר גֵיין צוּם קֶענִיג אוּן אִים פְרֶעגְן.

גֶעוֶוען אִיז דָאס דֶער גְרוֹיסֶער קֶענִיג שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ, יֶעדֶע מָאל עֶר הָאט גֶעהַאט אַ צָרָה הָאט עֶר גֶעקוּקְט אוֹיף זַיין פִינְגֶער אוּן גֶעלַאכְט, וֶוען עֶפֶּעס הָאט אִים וֵויי גֶעטוּן הָאט מֶען אִים גֶעזֶען קוּקְן אוֹיף זַיין פִינְגֶער אוּן לַאכְן.

"אֲדוֹנֵינוּ הַמֶּלֶךְ, מִיר בֶּעטְן אִיבֶּער אַייעֶר כָּבוֹד, מִיר ווִילְן וִויסְן וָואס אִיז דָאס אַז יֶעדֶעס מָאל דֶער קֶענִיג גֵייט אַרִיבֶּער אַ שְׁוֶוערִיקֵייט קוּקְט דֶער קֶענִיג אוֹיפְ'ן פִינְגֶער אוּן שְׁמֵייכְלְט? מִיר ווִילְן וִויסְן וָואס דָאס בַּאדֵייט".




ג ז י, דָאס וֶועט אוֹיךְ אַרִיבֶּערְגֵיין

״קוּמְט אַהֶער נֶענְטֶער וֶועל אִיךְ עֶנְק גֶעבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין; קוּקְט וָואס אִיךְ הָאבּ אוֹיף מַיין פִינְגֶער, אִיךְ הָאבּ אַ רִינְגְל אוֹיסְגֶעקְרִיצְט אוֹיף אִיר דְרֵיי אוֹתִיוֹת: ג ז י, אִיר וֵוייסְט וָואס דִי דְרֵיי אוֹתִיוֹת מֵיינֶען? דִי דְרֵיי אוֹתִיוֹת אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן דִי וֶוערְטֶער ׳גַּם זֶה יַעֲבוֹר׳, דֶער טַייטְשׁ אִיז: ׳דָאס וֶועט אוֹיךְ אַרִיבֶּערְגֵיין׳; יֶעדֶע מָאל עֶפֶּעס פַּאסִירְט גֶעבּ אִיךְ אַ קוּק אוֹיפְ׳ן רִינְגְל אוּן אִיךְ חַזֶר צוּ זִיךְ ׳עֶס וֶועט

אַרִיבֶּערְגֵיין׳, עֶס וֶועט בֶּעסֶער וֶוערְן; דָאס מַאכְט מִיךְ פְרֵיילִיךְ, אוּן דֶערִיבֶּער שְׁמֵייכְל אִיךְ; אִיךְ קוּק נִישְׁט אוֹיף מַיין פִינְגֶער, אִיךְ קוּק אוֹיפְ׳ן רִינְגְל, אִיךְ דֶערְמַאן זִיךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ גְלֵייבּ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט מִיר הֶעלְפְן, עֶס וֶועט מִיר וֶוערְן בֶּעסֶער״.

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, וֶוען עֶס פַּאסִירְט עֶפֶּעס אַ טְרוֹיעֶרִיגֶע גֶעשֶׁעעֶנִישׁ, עֶפֶּעס טוּט וֵויי, אָדֶער אַ קִינְד טְשֶׁעפֶּעט - דַארְפְן מִיר גְלַייךְ טְרַאכְטְן פוּן דִי דְרֵיי אוֹתִיוֹת ג ז י, עֶס וֶועט אַרִיבֶּערְגֵיין, אוּן נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן אוּן פַארְבִּיטֶערְט.

לָאמִיר אַלֶע זִינְגֶען: ״עֶס וֶועט נָאךְ וֶוערְן בֶּעסֶער, עֶס וֶועט נָאךְ וֶוערְן בֶּעסֶער, דַארְפְסְט נָאר רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, עֶר אִיז פוּן אַלֶעם גְרֶעסֶער, תְּפִלָּה עֶפְנְט אַלֶע שְׁלֶעסֶער, אִיךְ שְׁפִּיר שׁוֹין וִוי עֶס וֶוערְט מִיר בֶּעסֶער״.



בס"ד
בשורה טובה
ומשמחת!
שוין יעצט
דא צו באקומען
אפגעשיקט יעדע וואך
צו אייער
טיר
אויף די פאסט
די שטארק אויפגעכאפטע
וועכנטליכע קונטרסים
עצתו
אמונה
הערליכע בריוו, שאלות
ותשובות אין אלע אקטועלע
נושאים אין טאג טעגליכן לעבן,
געשריבן דורכ'ן ראש ישיבה
הרה"ג ר'
יואל רוטה
שליט"א
היכל הקודש
רופט אדער טעקסט
קרן הדפסה היכל הקודש
718•387•2691
אדער שיקט א אימעיל צו: subscribe@kerenhadfusa.org
חיזוק
אום טיר
goodpointmediainc@gmail.com